ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# פתרון חלומות

אידיש

686

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזהשי"ת עמ"ה עש"ו

# ספר

# פתרון חלומות

א ספר וואס באשיידט אלע חלומות און אין
וועלכען עס ווערט ערקלערט די באדייטונג
פון אלע חלומות, און וועלכע חלומות
זיינען אמת, און וואס מען זאל
טאן צו פארשידענע חלומות.


מהרב הגאון

## ר' אלי' מרדכי מזאה



30 ראטגערס סטריט

ניו יארק

שנת תר-צ"ח לפ"ק

# הקדמה

בעזהש״י. מיט ג׳ס הילף געה איך יעצט דרוקען דעם זעקסטען ספר, און כאָטש איך האָב נאָך ניט פאַרקויפט אין גאַנצען די פריהערדיגע 5 ספרים, אָבער די נויטיגקייט פון די ספרים און די וויכטיגקייט פון זיי, טרייבט מיר צו דרוקען בעפאָר עס האָבען זיך יענע פאַרקויפט; און ווען זיי וואָלטען זיך פאַרקויפט שנעלער, וואָלט איך געדרוקט יעדען מאָנאַט אַ ספר, וואָלטען די פראָסטערע געוואוסט מעהר וואָס אידישקייט איז און ווי זיי דאַרפען זיך אויפפהירען אַלס אידען און ווי צו אָפּהיטען אַ מצוה ווי עס באַדאַרף צו זיין.

די ספרים „הצלת-נפשות" און „שמירת הנפשות" האָבען פיל אויפגעטאָהן, און זיי זיינען בעזהש״י פאַרשפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט. און גרויס שכר וועט האָבען יעדער וואָס וועט העלפען פאַרקויפען מיינע ספרים, ווייל דער וואָס קויפט מיינעם אַ ספר און ער לערענט איהם דורך, לערענט ער פון דעם ספר זעהר פיל אין אידישקייט. און עס איז דאָ פיל דאַנק-בריף פאַר די ספרים פון פילע רבנים פון יוראָפּ און פון אַמעריקע, און אויך האָב איך פיל דאַנק-בריף פון בעלי-בתים וואָס זיינען דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס זיי איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. בעט איך אַלעמען צו פאַרדינען די מצוה און זעהן העלפען מיר פאַרקויפען די ספרים „הצלת-נפשות" און „שמירת-הנפשות," „משיח געהט" און „משיח אלמים". די פרייזען האָב איך געמאַכט זעהר ביליג, אַז אַפילו יעדער אָרימאַן זאָל זיי קענען קויפען. און עס איז וויכטיג אַז אין יעדער הויז זאָלען זיי קענען לערנען די ספרים עטליכע מאָהל, מען זאָל זיי ניט פאַרגעסען. אויך זאָל יעדע שוהל קויפען עטליכע סעטס פון מיינע ספרים, אַז עטליכע מיט אַמאָהל זאָלען קענען לערנען די ספרים. מעמבערס פון שוהל, פאָדערט דאָס פון אייערע פרעזידענטען, און פרעזידענטען, טוהט דאָס, און אַז מען וועט קויפען די ספרים און מען וועט זיי לערנען, וועט די עם-הארצות אָפּגעשאַפט ווערען ומלאה הארץ דעה את ד׳.

# הקדמה

ווייטער מאַך איך באַקאַנט דאָס דעם ספר „פתרון חלומות,"
האָב איך געדרוקט וואָס איך האָב געפונען אין גמ' און אין פילע
ספרים. ווער עס וועט לערנען, וועט זעהן די וויכטיגקייט פון
איהם, און די וועלכע וועלען איהם קויפען, און וועלען אויספאָלגען
וואָס אין איהם שטעהט, וועלען זוכה זיין צו פיל גוטעס, אָמן.

ווייטער מאַך איך באַקאַנט, אַז עס איז דאָ ביי מיר אַ
לומד'ישער ספר מיט'ן נאָמען „שפתי־ראם." דער ספר איז
זעהר גוט מיט גרוים חריפות און בקיאות און פילע חידושים
מיט הבנה. פילע בריף פון גרויסע גאונים רבנים פון יוראָפּ און
פון אַמעריקע לויבען זעהר דעם ספר. וועל איך בעטען, אַז יעדער
איינער וואָס קען לערנען, זאָל זעהן קויפען דעם ספר, און שוהלען
זאָלען זעהן אַריינגעהמען די ספרים, אַלע און דעם ספר אויך,
און גרויס שכר וועלען האָבען די וועלכע וועלען קויפען און די
וועלכע וועלען העלפען פאַרקויפען די ספרים.

אויך מאַך איך באַקאַנט, אַזוי ווי עס ליגט נאָך 3 געשריבענע
ספרים ביי מיר, זעהר וויכטיגע, איין ספר פאַר לומדים, איין ספר
אויף דרוש און איין ספר אַ מוסר ספר אין לשון קודש. זיי זיינען
זעהר וויכטיג און זעהר נויטיג אָפּצודרוקען, נאָר מעהר ניט, איך
האָב נאָך קיין געלט מיט וואָס צו דרוקען די ספרים, בין איך
מודיע, אַז דער וואָס וועט מיר צושיקען געלט, פיל ער וועט
וועלען, פאַר'ן דרוקען די ספרים, וועט זיין נאָמען פאַרשריבען
ווערען אין די ערשטע פיידזשעס פון ספר און ער וועט באַקומען
די ספרים פריי, און יעדער איינער דאַרף זיך באַזאָרגען מיט אַ
חלק אין אַזעלכע ספרים, וואָס דער שכר איז זעהר גרויס, אַזוי ווי
מען וואָלט אַליין מאַכען די ספרים, און זעהן שיקען אַ נדבה ווי
ווייט זיין מעגליכקייט, כדי פאַרשרייבען זיין נאָמען אויף אייביג
אין אַזעלכע ספרים, וויכטיגע און גוטע.

אויך מאַכען מיר באַקאַנט, דאָס ביי די ענדע פון די 3 ספרים
מאַכען מיר עטליכע פיידזשעס פאַר יאָהרצייט — ווער עס וועט
וועלען טייער האַלטען דעם אנדענק פון זיין פאָטער און מוטער

# הקדמה

און פאראייביגען זייער נאמען און געדיינקען שטענדיג זייער יאהרצייט, וועט ער דאס קענען לאזען דרוקען ביי די ענדע פון די דריי ספרים וואס וועלען זיך אי"ה בל"נ דרוקען גאר אין גיכען.*

איך פארהאף צו ג' אז מיינע רייד וועלען האבען א ווירקונג און יעדער איינער וועט זעהן אריינשיקען געלט כפי נדבת לבו אויף צו דרוקען די ספרים, אום צו פארשריבען ווערען לחיים טובים ארוכים און לברכה און להצלחה. אויך פארהאף איך, אז יעדער איינער וועט זעהן העלפען פארקויפען מיינע ספרים, כדי מען זאל דרוקען וואס מעהר אזעלכע ספרים, וועלכע מען מוז האבען, מען זאל וויסען ווי צו פיהרען זיך אלס איד, און איך דאנק אלע וועלכע שטיצען מיר אונטער אין מיין געדריקטער לאגע, און איך דאנק בעפאר אלע וועלכע וועלען שיקען זייער נדבה פאר'ן דרוקען די 3 ספרים, די וויכטיגע, און איך בענטש אלעמען און איך ווינש דעם גאנצען כלל ישראל כל טוב סלה, מיט ישועות, מיט הרמת קרן ישראל בב"א.

הרב ר' אלי' מרדכי מוזאה

*אויך מאכען מיר ספעציאל איינציגע פיידזשעס פאר די וועלכע האבען ניט קיין קינדער, ניט פאר קיינעם געדאכט, קענען זיי פאראייביגען זייער נאמען אין די קומענדע ספרים וואס דאס וועט זיין א גרויסער תיקון פאר זיי.

בעזהשי"ת

# ספר
# פתרון חלומות
## להרב ר' אלי' מרדכי מזאה

30 ראטגערס סטריט
ניו יארק

דער אינהאַלט פון חלומות.

די באַדייטונג פון די חלומות.

פון וואָס קומען חלומות.

חלומות ריכטיגע און ניט ריכטיגע.

חלומות וועלכע מען מוז באַשיידען.

חלומות וועלכע מען טאָר ניט דערצעהלען.

חלומות וועלכע מען דאַרף ניט אויסזאָגען.

אַ סגולה צו האָבען גוטע חלומות.

# פתרון חלומות

בעזהשי"ת

## פרק א

חלומות גוטע וויל יעדער מענש חלומ'ען, ווייל אז מען זעהט א חלום וואס דוכט זיך אז ער איז ניט גוט, כאטש מען ווייס ניט זיין באדייטונג, אדער מען גלויבט אפילו גארניט אין חלומות, איז מען זעהר אומרוהיג, און מען פיהלט זיך זעהר ניט גוט, און מאנכע מענשען קענען גארניט טאהן יענעם טאג וואס זיי האבען געזעהן ניט קיין גוטען חלום ; מאנכע זאגאר פאסטען און געהען צו רבנים, צו גוטע אידען פותר זיין דעם חלום. פארשטעהט זיך, אז יעדער וויל זעהן וואס א בעסערען חלום, און פון אונזערע חכמים'ס רייד איז צו פארשטעהן אז עס איז דא חלומות וואס זיי זאגען טאקע פאראויס וואס עס וועט פאסירען מיט'ן מענשען און ווען דער מענש זאל פארשטעהן די באדייטונג פון דעם חלום, וואלט ער וויסען ווי צו אויסהיטען זיך פון אלעם בייזעס, ווייל אנדערע חלומות זיינען ווי נבואה, נאר נבואה קומט דייטליך, אבער חלומות קומען פארשטעלט. און אונזערע חכמים די הייליגע האבען אונז אויך געזאגט די באדייטונג פון פילע חלומות. און אונזערע הייליגע חכמים זיינען געווען גערעכט מיט דער מיינונג אז א חלום איז זעהר א וויכטיגע זאך, כאטש איניגע חכמים זאגען אז דער חלום טוהט גארניט אויף, מיינט דאס ניט צו זאגען אז דער מענש זעהט גארניט, נאר עס מיינט צו זאגען אז דאס וואס דארף פאסירען, מוז פאסירען, צי מען האט א גוטען חלום, צו א שלעכטען חלום, אבער זיי האלטען אויך אז זעהן זעהט אפטמאהל דער מענש וויכטיגע זאכען. און די ספרים הקדושים שרייבען, עס גיבען פארשיידענע חלומות : עס גיבען ריכטיגע חלומות און ניט קיין ריכטיגע, און עס קען זיין אז מען זאל פאשטעהן די באדייטונג פון די חלומות, קען זיין אז זיי זיינען אלע ריכטיג, און מען מוז אלע מאהל באטראכטען וואס מען האט געזעהן, כאטש אפילו די גמרא זאגט אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו, האב איך דאס פארשטאנען אט אזוי : ווען דער

# פתרון חלומות

מענש ליגט זיך שלאָפען, הערען אויף אַלע חושים זייערע באַוועגונגען — די פיס געהען ניט, די אויערען הערען ניט, די הענט טוהען גאָרניט; אָבער די האַרץ מיט דעם קאָפּ, אַרבעטען יע, און זיי אַרבעטען נאָך שטאַרקער ווי ווען דער מענש איז וואַכעדיג, ווייל די כוחות פון אַלע חושים אַרבעטען יעצט נאָר פאַר דער האַרץ און פאַר דעם קאָפּ, איז דער כוח פון טראַכטען וואָס וואַכעדיגערהייט זעהט מען גאָרניט וואָס מען טראַכט, נאָר מען פיהלט, אָבער שלאָפענדיגערהייט ווערט דער כוח פון טראַכטען געמאַכט פאַר אַ פאַרשטעלונגס-קראַפט וואָס מען קען זעהן וואָס מען טראַכט, און עס קומט פאַר אַלעם ווי אין לעבען. ווען דער מענש איז וואַכעדיג, דאַן איז מעגליך פאַר דעם מענשען עטוואָס צו קאָנטראָלירען זיינע געדאַנקען, אָבער שלאָפענדיגערהייט, צום פאַרשטעלונגס-קראַפט, דאָרט איז ער שוין גאָר קיין בעל-הבית ניט און ער קען גאָרניט וויסען וואָס מען וועט איהם צייגען אין שלאָף פאַר אַ סאָרט חלום.

דער חלום וויים ניט פון קיינע גרעניצען, און קיין צייט פאַר איהם איז קיין אונטערשייד און קיין אוממעגליכעס ניטאָ. ווי אַ מענש ליגט זיך שלאָפען און ער ווערט איינשלאָפען, פאַנגט זיך אָן פאַר איהם צו צייגען פאַרשיידענע חלומות, און זיי בייטען זיך פאַר איהם די שטעדט און פאַרשיידענע הייזער מיט פאַרשיידענע דעקאָראַציעס און ער וויים גאָרניט וואָס מען וועט איהם ווייזען, און ווען מען האָט איהם געוויזען שוין, ווייס ער ניט די באַדייטונג פון זיי, און ער וויים ניט וועלכע חלומות האָבען אַ באַדייטונג און וועלכע ניט, אָבער אונזערע הייליגע חכמים ז"ל האָבען געזאָגט, „ושבחתי אני את השמחה זו שמחה של מצוה," ד"ה, דאָס וואָס אין פסוק שטעהט אַז פרייד איז גוט, דאָס איז די פרייד ווען מען טוהט אַ מצוה מיט פרייד, און די שכינה רוהט אויף אַ מענשען נאָר פון פרייד, און אויף וועלכע פרייד איז דאָס געזאָגט געוואָרען, נאָר אויף די פרייד פון וואָס מען האָט געטאָהן אַ מצוה מיט פרייד, און אַזוי איז ביי לערנען.

און דער הייליגער רבא האָט געזאָגט אין דער הייליגער גמרא אַז צו אַ חלום איז אויך אַזוי, אויב ער לייגט זיך שלאָפען פון פרייד פון אַ מצוה וואָס ער האָט געטאָהן פרעהליכערהייט, דאַן האָט ער אַ גוטען חלום. זעהען מיר אַז עס איז דאָ אַן עצה און אַ סגולה ווי צו האָבען אַ גוטען חלום — מען זאָל זיך לייגען שלאָפען פון פרייד פון אַ מצוה, וואָס דאָס גיט דעם מענשען די ריכטיגע פרייד, און ווען ער געהט שלאָפען און די שטימונג איז ביי איהם אַ גוטע, איז ווען דער פאַרשטעלונגס-קראַפט שטאַרקט זיך, דאַן שטעלט זיך איהם פאַר גוטע זאַכען, דארום ת״ח לערנען פאַר׳ן שלאָף און זיי זיינען מחדש חידושי תורה, ווייל קיין גרעסערע פרייד קען ניט זיין ווי אויפטאָהן און געפינען נייעס אין אונזער תורה.

די גאָר גרויסע צדיקים, וועלכע מאַכען יעדען טאָג אַ רעכענונג פון די גייסטליכע אַרבעט וואָס זיי האָבען אויפגעטאָהן פאַר׳ן טאָג, און ווען מען נעהמט באַטראַכטען וואָס מען האָט געקענט אויפטאָהן גייסטיג פאַר די 24 שטונדען און וואָס מען האָט אויפגעטאָהן אין תורה און אין עבודה פאַר׳ן טאָג, ווערט דאָך ביי יעדען אידען אומעטיג אויפ׳ן הארצען, ווייל ווען מען מען נעהמט באַטראַכטען פאַר׳ן געהן שלאָפען אַז מען וועט באַלד דאַרפען אָפּגעבען די נשמה דעם באַשעפער, און די נשמה וועט אַרויפגעהן אויף דעם הימעל און זי וועט דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר אַלע מעשים וואָס מען האָט געטאָהן, פאַר יעדע באַוועגונג וואָס מען האָט געמאַכט און פאַר יעדען וואָרט וואָס מען האָט מיט׳ן מויל גערעדט, איז דער אמת׳ער ריכטיגער מענש וואָס ער איז עהרליך צו זיך אַליין, דאַרף זיך דאָך שרעקען פאַר דעם זעהר און זעהר, ווייל מען וויל דאָך אַז די נשמה זאָל זיך צוריק אומקערען אין קערפער, אָבער אַז ער האָט געזינדיגט פאַר׳ן טאָג זעהר פיל, דאַן איז די נשמה וואָס זי איז אַ חלק אלוקה ממעל, וויל ניט געהן חו״ח צוריק, ווייל זי וויל ניט אַז מען זאָל מיט איהר זינדיגען, דארום מוז דאָך דער מענש מאַכען אַ רעכענונג

# פתרון חלומות

און מען מוז תשובה טאָהן פאַר'ן שלאָף און מען מוז דאגה'ן וואָס מען האָט פאַר'ן טאָג גאָרניט אויפגעטאָהן, מען האָט פיליכט געקאָנט מעהרער לערנען, מען האָט זיך ניט אָפּגעהיט פון רכילות, פון לשון הרע, מען האָט ניט געדאַווענט מיט כונה ווי מען האָט באַדאַרפט, און בפרט מענשען וואָס זיינען חו"ח זינדיג, ווי מאַכט מען דאָס ניט אַ רעכענונג פון די גייסטיגע אַרבעט וואָס מען טוהט אויף יעדען טאָג ?

מען דאַרף דאָך פאַרשטעהן אַז דער מענש איז ניט קיין בהמה, און בפרט דער איד וואָס זיין נשמה איז געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני און האָט גענומען אַ תורה, ער האָט אַ נשמה (און אַזוי ווי דער קערפּער האָט רמ"ח איברים ושס"ה גידים, אַזוי האָט די נשמה רמ"ח איברים ושס"ה גידים, און די רמ"ח מצוות עשה, ד"ה די מצוות וועלכע מען דאַרף טאָהן, זיינען פאַר די רמ"ח איברים פון דער נשמה, און שס"ה מצוות לא תעשה, די מצוות וואָס מען טאָר ניט טאָהן, איז דאָס שס"ה גידים פון דער נשמה, און אויב איינער היט ניט אָפּ אַ מצוה פון די רמ"ח מצוות וואָס מען דאַרף טאָהן, אָדער ער טוהט אַן עבירה פון די שס"ה מצוות וואָס מען טאָר ניט טאָהן, ווערט זיין נשמה קראַנק, היינט אַז אַ מענש איז חו"ח קראַנק קערפּערליך, לויפט ער צו דאָקטוירים, אַז זיי זאָלען איהם חיילען) דאַרף ער פאַר דער נשמה זאָרגען אַז זי זאָל זיין אַ געזונטע און מען מוז איהר דורכטאָפּען, זעהן ווי זי איז אין געזונט, און אויב דער מענש באַטראַכט גאָרניט, איז אַ באַוויז אַז דער מענש איז גייסטיג אַזוי פיל קראַנק, אַז ער פיהלט גאָרניט אַז ער קען שוין גאָר קיין באַוועגונג ניט מאַכען, און אַזאַ קראַנקע נשמה קען אויך געהיילט ווערען דורך רופען צו איהר דאָקטוירים וואָס היילען נשמה קראַנקהייטען, די דאָקטוירים זיינען אונזערע ספרים הקדושים, זיי פאַרשרייבען די מעדיצין וועלכע מען זאָל נוצען פאַר די קראַנקהייט פון דער נשמה, און אַזוי ווי די קראַנקהייטען פון קערפּער זיינען פאַרשיידען, אַזוי זיינען פון דער נשמה אויך פאַרשיידען, מוז מען לערנען די ספרים און

# פתרון חלומות

וויסען גוט וועלכע ספרים פאַסען פאַר יעדע קראַנקהייט, און דורכקוקענדיג דעם ספר עטליכע מאָהל, וועט ער פאַרשטעהן אויף וועלכע סאָרט קראַנקהייט ליידעט די נשמה און וואָס פאַר אַ מעדיצין מען דאַרף נעהמען, און אַזוי אַז ער ליידעט אויפ'ן קערפּער און מען טראָגט איהם צו אַ מעדיצין וואָס ער ווייס אַז עס וועט איהם העלפען, וועט ער דאָך געוויס נעהמען און ער וועט באַצאָהלען היפּיל מען וועט בעטען, אַזוי אַז ער זעהט אַז מען פאַרקויפט מעדיצין פאַר דער נשמה און עס קען זיין אַז ער נויטיגט זיך אין דעם מעדיצין, דאַרף ער גלייך קויפען און ניט קוקען אויף די געלט וואָס עס וועט איהם קאָסטען, ווייל דאָס וועט היילען זיין נשמה, אין אַז ער וועט זעהן די ספרים, וועט ער וויסען צי ער איז קראַנק צי ניט, און וואָס ער זאָל טאָהן צו היילען זיך אויב ער איז קראַנק, מוז דאָך יעדער פאַר'ן שלאָף מאַכען אַ רעכענונג פון זיין טאָהן.

מיר פאַרשטעהען אַז דער מענש, אַפילו גאָר אַ פרומער, אַז ער נעהמט זיך באַרעכענען און באַטראַכטען דעם געזונטס-צושטאַנד פון זיין נשמה, געפינט ער איהר קראַנק און שוואַך, אָבער ספרים הקדושים האָבען גלייך געגעבען אַ גוטען מעדיצין, דאָס ווי די נשמה זאָל ניט זיין קראַנק, קען זי ווערען גלייך געזונט, און דאָס איז — תשובה, מען זאָל גלייך חרטה האָבען אויף די עבירות וואָס מען האָט געטאָהן און מען זאָל צוזאָגען אַז מעהר וועט מען דאָס ניט טאָהן. אַזוי ווי מיר האָבען געשריבען וועגען דעם פיל מעהר אין אונזער ספר „הצלת נפשות", ביי דער ענדע פון ספר, און אַז מען טוהט תשובה מיט'ן גאַנצען האַרצען, ווערט די נשמה גלייך געהיילט, ווערט גלייך פרעהליכער אויפ'ן האַרצען און מען געהט שלאָפען פרעהליכערהייט, וועט זיך שוין ווייזען פרישע, גוטע חלומות די נאַכט.

# פתרון חלומות

## פרק ב

נאָר פון דעסטוועגן, אַפילו די מענשען וועלכע טוהען תשובה יעדע נאַכט פאַר'ן שלאָף און זיי ווילען האָבען אַ גוטען חלום אויף זיכער, זאָלען זיי טאָהן אַ מצוה פאַר'ן שלאָף, און די בעסטע מצוה איז פאַר'ן שלאָף לערנען די הייליגע תורה אונזערע, ווייל תורה איז פרייד פאַר דער נשמה. גליקליך איז דער מענש וואָס לערענט פאַר'ן שלאָף, און איך ווייס ניט ווי איז דאָס פאַראַן מענשען וואָס עפענען קיין מאָהל קיין ספר, וואָס וועט ער ענטפערען לאחר מאה שנה, ווען די ערשטע זאַך וואָס מען פרעגט דעם מענשען איז וועגען תורה. מען פרעגט, צי האָסטו געלערענט תורה ? וואָס פאַר אַ תירוץ וועט ער געבען דעם בורא ב"ה ? ער וועט דאָך ניט קענען ענטפערען — איך האָב ניט געקענט — ער קען דאָך קריגען ספרים אין אידיש און לערנען ! ווי איז שפּייז פאַר'ן קערפּער, וועט ער דען ניט זוכען שפּייז פאַר'ן קערפּער ווען ער איז הונגעריג ? ער וועט דאָך לויפען מיילען כדי צו קריגען שפּייז פאַר'ן קערפּער ! און אַז מען טראָגט איהם אונטער שפּייז פאַר זיין הונגעריגער נשמה, די פּאַרטריקענטע, וויל ער גאָרניט נעהמען ! גרוים שכר וואָלטען פאַרדינט די פּרעזידענטען, די גבאים פון די שוהלען ווען זיי וואָלטען זיך געקימערט ווייניגער וועגען פּוצען און אויספּיינען די שוהל מיט שעהנע ווענט, מיט שעהנע כלים, און זיי וואָלטען געזעהן אַז אין שוהל זאָל זיך געפינען שפּייז, גייסטיגע, פאַר די אויסגעטריקענטע נשמות פון די אידישע מאַססען. די גבאים, די פּרעזידענטען קימערען זיך נאָר וועגען געלט פאַר דער שוהל, און זיי שפּאָרען אין קאַרגען, און זיי קריגען ערגעץ אַ איד וואָס קען גאָרניט, און ער לערענט מיט די אידען אַ משנה משניות, וואָס ער קען אַליין ניט, און אידען גענּיסען פון איהם אודאי גאָרניט. עס זיינען דאָ וואָס לערנען און הערען ביי אַזאַ אידען 15 אָדער 20 יאָהר, און ווי זיי האָבען ניט געקענט, אַט אַזוי קענען זיי ווייטער ניט ! און אין אַנדערע שוהלען איז דאָס

אויך ניטאָ — מען לערענט גאָרניט. די גבאים, די פּרעזידענטען וועלען דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון דערפאַר וואָס זיי האָבען געקענט מאַכען אַז מען זאָל לערנען פיל תורה אין די שוהלען, און זיי האָבען דאָס ניט געטאָהן, און אַפילו אַז זיי האָבען גענומען אַ רב, האָבען זיי ניט פרלאַנגט פון איהם ער זאָל קענען לערנען און ער זאָל לערנען מיט די אידען זיי זאָלען וויסען ווי צו זיין אידען, און לערנען מיט זיי די זאַכען וואָס זיי זאָלען טאָהן אַלס איד, צום ביישפּיל, לערנען מיט זיי דינים פון דאַווענען און אָפּטייטשען דעם דאַווענען, אַ איד זאָל וויסען ווי צו דאַווענען און וואָס ער דאַווענט, אַ איד זאָל וויסען וואָס ער זאָגט ווען ער זאָגט אַ קאַפּיטעל תהלים, אָדער עין יעקב, מדרש, משנה, גמרא, דאָס ניט, נאָר מען האָט פאַרלאַנגט פון דעם רב — זאָג מעשה׳לאך, וויצלאך, זינג, זאָל זיין שעהן, עס זאָל זיין פול די שוהל מיט אידען, וואָס די אידען וועלען ניט קריגען גייסטיגע שפּייז, דאָס קימערט זיי ניט, אָבער די שוהל זאָל זיין פול ! אַז עס זאָל זיין פול מיט תורה, מיט שכינה, דערפאַר זאָרגען זיי גאָרניט. די גבאים, די פּרעזידענטען, זיי וועלען דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון דערפאַר. אַז עס קומט אַ רב אָן אורח וואָס וויל זאָגען עפּעס, ענטפערט מען אַ תירוץ, מען וועט פאַרטרייבען מענשען פון שוהל. זיי וויסען גאָרניט אַז וואָס מעהר מענשען זיינען אין שוהל, מעהר וועלען זיי שטראָף קריגען, ווייל מענשען אַז זיי געהען אין שוהל, געהען זיי, זיי זאָלען דאָרט קריגען גייסטיגע שפּייז, און אויב זיי קריגען דאָרט ניט מעהר ווי דאַווענען און די איבעריגע צייט זיצט מען און מען רעדט דברים בטלים, און מען קריגט קיינע גייסטיגע שפּייז, ווייל די פּרעזידענטען מיט די גבאים באַזאָרגען דאָס ניט פאַר דער שוהל, וועלען זיי שטאַרק ליידען דערפאַר. גבאים, פּרעזידענטען, ביי אייך אין האַנט ליגט דער קיום פון אונזער תורה. איהר קענט פיל אויפטאָהן פאַר אונזער תורה. זאָל דאָס ניט זיין אַ רוף, אַ געשריי אין דער מדבר. זעהט מאַכט אַז די שכינה זאָל רוהען ביי אייך אין שוהל. מאַכט פיין די שוהל מיט תורה, גיט כבוד צו דער תורה, לערענט אליין אויך די

תורה, וועט איהר וויסען וואָס איהר קענט אויפטאָהן פאַר דער תורה און ווי צו פיהרען זיך אין שוהל עפ"י דרך התורה. אנדערע פרעזידענטען פאַטשען זיך און גלעטען זיך די בויך, מען זאָגט אַז ער האָט פיל אויפגעטאָהן פאַר דער תורה ; מען איז געקומען צו איהם בעטען ער זאָל לאָזען צונויף זאַמלען געלט פאַר אַ ישיבה, האָט ער גענומען 40 פראָצענט פאַר דער שוהל און ער האָט ערלויבט זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה, און ער זאָגט שישו בני מעי, איך האָב פיל אויפגעטאָהן פאַר דער תורה ! — שעמען מעג ער זיך ! זאָל איהם דער משולח זאָגען וואָס ער וויל און חנפנ'ען איהם כדי אַרויסצוקריגען ביי איהם די ערלויבנים, אָבער אַז גב"ה וועט איהם פרעגען — פאַרוואָס האָסטו ניט געלערענט אַליין און דו האָסט גערויבט די גייסטיגע שפייז, דעם חלק התורה, פון מיינע קינדער ? דו האָסט זיך געזאָרגט פאַר דער שוהל, מען זאָל אַריינברייננגען וואָס מעהר געלט, וואָרום האָסטו ניט געוואוסט אַז פון דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט ניט די שכינה נאָר 4 איילען וואו מען לערענט, איז אויב ביי דיר אין שוהל איז ניט געווען קיין אָרט פאַר תורה, האָסטו גערויבט דעם אָרט פון דער שכינה, און דו האָסט געמאַכט אַז די נשמות פון מיינע קינדער זיינען אויסגעהונגערט געוואָרען. יעדער איינער וואָס קען מאַכען אַז אין די שוהלען זאָל מען לערנען תורה און מען זאָל געבען גייסטיגע שפייז פאַר דעם אידישען פאָלק, איז זיין שכר זעהר גרויס, און דאָס מיינט עסקת בתורה, ד"ה, צו האָסטו געזעהן מען זאָל לערנען תורה, און אויב דו האָסט געלערענט און געמאַכט לערנען, איז דיין שכר זעהר גרויס און מען איז זוכה אַז די שכינה רוהט אין יענע שוהל, ווייל תורה ברייננגט אַז די שכינה זאָל קומען.

דעריבער אַז מען וויל האָבען אַ חלום, אַ גוטען חלום, וואָס זאָל זיין מעין נבואה, אַ חלום פון דער שכינה, זאָל מען לערנען תורה פאַר'ן שלאָף. ספרים הקדושים שרייבען, אַז עס גיבען 3 סאָרטען חלומות. עס איז דאָ אַ חלום וואָס קומט אַז מען לייגט

# פתרון חלומות

זיך שלאָפען, און מען האָט פיל געגעסען פאַר'ן שלאָף, דער חלום האָט קיינע באַדייטונג, און עס גיט אַ 2טער חלום וואָס קומט פון שלעכטע געדאַנקען וואָס האָבען אויסגעמאַטערט דעם מענשען פאַר'ן טאָג און די ספרים הקדושים רופען זיי דאָס אָן שדים און זיי שרעקען דעם מענשען, און מאַנכע מאָהל מאַכט זיך דאָס דער מענש שטעהט אויף גאָר אַ מאַטער אנשטאט אַן אויס־גערוהטער, און אויף די סאָרטען חלומות לייענט מען קריאת שמע. און די הייליגע גמרא זאָגט אַז מזיקים בדלים הימנו, ד"ה אַז מען לייענט קריאת שמע, שיידען זיך אָפּ און וויכען די מזיקים פון דעם מענשען. די מצוה פון קריאת שמע איז זעהר גרויס און די חלומות שרעקען איהם ניט און ער האָט אַ רוהיגע נאַכט. די מצוה פון קריאת שמע פאַר'ן שלאָף איז זעהר גרויס. ערשטענס איז מען מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים פאַר'ן שלאָף, וואָס דאָס באַווייזט אַז דער בורא ב"ה איז דער פיהרער פון דער גאַנצער וועלט און צו איהם מוזען מיר דינען, ווייל ער האָט אונז צוליב דעם באַשאַפען, און גליקליך זיינען מיר מיט דעם וואָס ער האָט אונז אויסגעקליבען פון אַלע פעלקער אויף דינען צו איהם, און אויך איז מען מקיים מיט דעם די מצוה פון לערנען תורה, און אויך קענען מיר שלאָפען רוהיגערהייט און די חלומות די שלעכטע וועלען אונז ניט שרעקען אַז מיר וועלען לייענען קריאת שמע מיט גרויס כונה און מיר וועלען האָבען אין די געדאַנקען „בידך אַפקיד רוחי פדיתה אותי ד' אל אמת", ד"ה, איך דאַנק בעפאָר און איך גיב דיר אָפּ די נשמה באַהאַלטען און איך בין זיכער אַז דו האָסט מיר אויסגעלייזט, ווייל דו ביזט דער ג' פון אמת, הערט שוין דער מענש תשובה טאָהן אויף ריכטיג, וועלען זיינע געדאַנקען ניט שרעקען איהם, דאָס איז אַז מען לייענט קריאת שמע מיט גרויס כונה, דאָס איז אַ סגולה צו דעם צווייטען מין חלומות.

# פתרון חלומות

## פרק ג

פאַראַן נאָך אַ דריטער סאָרט חלומות וואָס דאָס איז אַזוי ווי נבואה, און דאָס איז אַמעהרסטען אין דער פריה, ווען דער מאָגען האָט שוין איבערגעקאָכט זיין עסען און זיינע אייגענע געדאַנקען, די פאַרטזעצונג פון טראַכטונג פון טאָג האָט שוין אויפגעהערט, דאַן קומט אַ חלום פון נבואה וואָס מען באַווייזט דעם מענשען וויכטיגע זאַכען. יענע חלומות מוז דער מענש היטען און גוט באַטראַכטען, ווייל זיי האָבען זעהר אַ וויכטיגע באַדייטונג, ווייל די נשמה פון יעדען מענשען איז זעהר ריין און הייליג און קיין מענש ווייס ניט וואָס פאַר אַ נשמה אין איהם זיצט. עס קען זיצען אַ הייליגע, גרויסע נשמה אין אַ געוויינליכען מענשען. און די נשמה געהט אַרויף אין הימעל ווען דער מענש לייגט זיך שלאָפען. זי באַזוכט דעם אָרט וואָס עס איז אָנגעגרייט פאַר'ן מענשען נאָך זיינע מעשים, אויב ער האָט געטאָהן גוטע מעשים, דאַן באַווייזט מען דער נשמה גוטע זאַכען און מען באַווייזט איהר מעשים פון גרויסע צדיקים מיט זייער חלק לעולם הבא, און מען לערענט איהר תורה און אַז מען איז זוכה איז קען מען דאָס וואַכעדיגערהייט, און ווען די נשמה דאַרף אין דער פריה זיך אומקערען צוריק אין קערפּער, ווייס זי פון פיל זאַכען וואָס וועט מיט איהר פּאַסירען, דאַן איז דער חלום פון פריה ווי נבואה, אָבער טאָמער האָט ער פאַר'ן טאָג פיל געזינדיגט, איז דער קערפּער האָט געהאַט הנאה אָבער דעם פאַרברעכען פיהלט די נשמה. ביי דער נאַכט ווען זי געהט אַרויף צום הימעל, געהט צו די נשמה און פאַרשרייבט אַליין יעדע שלעכטע טהאַט, יעדע זינדיגע באַוועגונג, יעדען נאַרישען וואָרט וואָס ער האָט גערעדט, און די נשמה זעהט ווי וויינט מען האָט מיט איהר געזינדיגט און ווי ווייט אַנדערע האָבען אויפ־געטאָהן אַזעלכע גרויסע זאַכען פאַר'ן טאָג און זי האָט מעהר ניט ווי עברות, הויבט שוין אָן די נשמה צו וויינען און צו שרייען, אוי וועה, איך האָב געהאַט אַזאַ געלעגענהייט צו אויפטאָהן אַזוי

פיל פאר'ן טאג, וואס האב איך אויפגעטאהן ? און עס פייניגט איהם דער געוויסען א גאנצע נאכט און ער ווערט פארמאטערט און ער האט זעהר אן אומרוהיגע נאכט, און פריהמארגען שרעקט איהם, ווייל די נשמה האט מורא צו געהן צוריק אין זיין קערפער. באווייזט זיך איהם אין דער פריה אויך שרעקעדיגע חלומות, כדי ער זאל דעם קומענדיגען טאג זיין בעסער, און מאנכע זיינען גאר חו"ח אזוי פיל זינדיג וואס זייער נשמה האט שוין מיט'ן הימעל קיין שום שייכות, ווייל ער וועט שוין בעסער ניט ווערען. ער פיהלט גארניט ווי ער איז געזונקען, אז איהם ערגערט שוין קיין זאך ניט, און דער געוויסען איז ביי איהם רוהיג, ער איז שוין געפעהרליך קראנק, אז ער שפירט שוין נעבעך גארניט, איהם חלומ'ט זיך גארניט. ושבע ילין בל יפקד, זאגט די הייליגע גמרא ברכות, אז א מענש שלאפט 7 נעכט און ער חלומ'ט ניט, איז ווערט ער אנגערופען שלעכט, דארף דער מענש זעהן שטארקען זיך צו קומען צו דער הויכקייט אז זיין נשמה זאל ארויף געהן ריין אויפ'ן הימעל יעדע נאכט. ער זאל זעהן אויפטאהן פאר'ן טאג וואס מעהר גוטע זאכען, וועלען זיינע חלומות זיין אלע מאהל א נבואה.

## פרק ד

אבער ווי קומט מען צו אזא הויכקייט ? פיל האבען מיר שוין געשריבען וועגען דעם אין אונזערע וויכטיגע, הייליגע ספרים „הצלת-נפשות" און „שמירת-הנפשות" און יעצט וועלען מיר אויך דערמאנען נאך כללים וואס א מענש זאל זיי טאהן, וועט ער זוכה זיין צו גוטע חלומות, חלומות פון נבואה. א כלל איז דא און דאס איז פון די הויפט יסודות פון אידישקייט, „שויתי ד' לנגדי תמיד," „בכל דרכיך דעהו," „וצדיק באמונתו יחי'." די ערשטע זאך דארף דער מענש איינפלאנצען ביי זיך אין הארצען אמונה, און בזכות אמונה יחי', ווי אין פסוק שטעהט, וצדיק באמונתו יחי'. אויך שטעהט אין פסוק ויראו העם את ד' ויאמינו בד' ובמשה עבדו, ווייל זיי האבען געגלויבט אין ג' און

# פתרון חלומות

אין משה'ן, האבען זיי געגלויבט אז ער איז אן עבד פון השי"ת, בזכות זה האבען זיי זוכה געווען אז ישיר משה ובני ישראל, האבען זיי געזונגען, ווייל די שכינה האט אויף זיי גערוהט, און די גמרא זאגט ראתה שפחה על הים יותר ממה שראה יחזקאל בן בוזי על נהר כבר, ד"ה, יחזקאל הנביא איז דאך געווען זעהר גרויס אין נבואה, ער זאגט דאך ואראה מראות אלקים, אז ער האט געזעהן געטליכע זאכען וואס מען האט איהם באוויזען, אבער ביי דעם ים סוף ווען די אידען זיינען דאן געווען אין א הויכע מדריגה און זיי האבען געגלויבט מיט'ן גאנצע כוח האמונה וויפיל א מענש דארף באזיצען, דאן האט אויף זיי די שכינה גערוהט, און אז עס רוהט די שכינה אויף א מענשען, איז שוין במילא ניטא קיין עצבות, קיין טרויער, קיין אומעט, קיין שלעכטעס, און נאר פרייד און גוטעס.

זעהען מיר אז בזכות האמונה איז א מענש זוכה אז די שכינה איז שטענדיג אויף איהם, ע"כ דארף דער מענש שטארקען זיך און זעהן קומען זעהר הויך אין אמונה, און דאס צו באקומען מוז מען בעטען ביי ג' ער זאל איהם העלפען און ער מוז מקיים זיין דעם פסוק שויתי ד' לנגדי תמיד, ד"ה, דער מענש דארף שטענדיג האלטען אין רעיון אז ג' דער מלך מלכי המלכים שטעהט לעבען איהם שטענדיג און ער גיט אכטונג אויף יעדער קער און יעדער ריהר און יעדע באוועגונג וואס ער מאכט און ער הערט זיך צו צו יעדען ווארט וואס ער רעדט ארויס פון זיין מויל, וועט ער שוין קומען צו דער מדריגה פון בכל דרכיך דעהו, ד"ה, אפילו ווען ער וועט טאהן קערפערליכע זאכען, וועט ער אויך האבען אין זינען דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה און ער וועט טאהן צוליב זיין הייליגען נאמען וועגען וואס דאס איז דער עיקר אין עבודת השי"ת, אז מען זאל האבען אין זינען אז מיר זיינען באשאפען געווארען נאר צוליב איהם, איהם צו דינען און צו טאהן זיין רצון, און ווי קענען מיר וויסען וואס זיין רצון איז ? דאס קענען מיר וויסען דורך דער תורה וואס ער האט אונז געגעבען און

# פתרון חלומות

אין דער תורה האָ ער אונז געזאָגט וואָס זיין רצון איז, און כאָטש די תורה איז זעהר לאַנג און גרויס און עס איז אוממעגליך דורכלערנען איהר פאַר טויזענטער יאָהרען, אָבער וויסען די תורה, ד"ה, וויסען דעם רצון פון דעם בורא ית', קען מען וויסען אַז מען לערענט די דינים פון שולחן ערוך וואָס יעדער מענש קען דאָס דורכלערנען און וויסען דעם רצון הבורא. און מיר איז אַ וואונדער וואָס ווייניג מענשען ווייסען דעם שו"ע, און די פּרעזידענטען אין די שוהלען און די גבאים, זאָג איך אָן, אַז מען זאָל אָנשטעלען אין יעדע שוהל איינעם אַ רב וואָס ווייס גוט שולחן-ערוך, אַז ער זאָל לערנען מיט די אידען שולחן-ערוך, זיי זאָלען וויסען אַ דין, וועלען זיי וויסען דעם רצון הבורא און זיי זאָלען זוכה זיין צו עולם הבא, ווי די הייליגע גמרא זאָגט: תנא דבי אלי' כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, ד"ה, אַז מען לערענט דינים אַלע טאָג, איז מען בטוח אַז מעביר די שלעכטע דינים פון דער וועלט און מען איז זוכה צו האָבען עולם הבא, און אויך אַז מען לערענט דינים איז מען זוכה צו פיל גוטעס.

איהר פּרעזידענטען, גבאים, איהר מיינט דאָך אודאי אַז די גבאים, די מעמבערס, די חברה האָט אייך אויסגעקליבען, האָט איהר אַ גרויסען טעות. די קלענסטע הערשאַפט וואָס אַ מענש באַקומט, ווערט דאָס אין הימעל באַשטימט און מיט דער קלענסטער הערשאַפט קען מען חו"ת פאַרזינדיגען די יאָהרען, אָדער מען קען באַקומען אייביגע גוטע יאָהרען. אין דער ריכטיגקייט האָט מען געדאַרפט מאַכען אַ באַזונדער ספר פאַר דער וויכטיגער זאַך, אַ ביסעל ווי צו פיהרען זיך, קענען די פּרעזידענטען געפינען אין מנורת המאור, און דער ערשטער עיקר זאָג איך זיי אָן, אַז זיי זאָלען אויספינען די שוהל מיט אַ פּרומען רב מיט פיל תורה, זיי זאָלען ניט קלערען פון שפּאָרען געלט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען תורה. זיי זאָלען איינפיהרען אַז מען זאָל לערנען פּירוש המלות פון דאַוונען, אויך די דינים פון דאַוונען, און לערנען תהלים מיט די אידען און שולחן-ערוך,

# פתרון חלומות

און דעם ספר מנורת-המאור מעג מען אויך לערנען ברבים, און די ספרים הצלת נפשות און שמירת הנפשות, עין יעקב, מדרש, משנה, גמרא, און זאָגען איז געגוג וויפיל מען זאָגט, ווייל דער עולם קומט ניט הערען וואָס מען זאָגט און זיי נעהמען גאַרניט אַריין אין די געדאַנקען, זיי קומען נאָר הערען ווי מען זאָגט, צי דער זאָגער איז אַ גוטער זאָגער, אָבער אַז מען לערענט, בלייבט עפּעס אין די געדאַנקען. הערען אַ זאָגער קומען אַלע הערען, ווי מען לערענט, קומען ווייניג, דאַרפען זעהן די פּרעזי-דענטען מאַכען תקנות אַז מען מוז געהן הערען ווי מען לערענט, וועלען זיי פאַרדינען גוטע יאָהרען, אַז זיי וועלען טאָהן פאַר דער תורה, אַז זיי וועלען אַליין לערנען און זיי וועלען זעהן אַז אין זייערע שוהלען זאָל מען לערנען תורה און אַלע אידען וועלען וויסען דעם רצון הבורא, און אויף יעדען ליגט אַ חוב קדוש צו לערנען תורה.

אַמאָהל האָט יעדער איד באַשטימט אַ צייט צום לערנען. אַנדערע האָבען קיין באַשטימטע צייט ניט געהאַט, אָבער ווען ער האָט צייט געהאַט, האָט ער געלערענט. האָט ער אַליין ניט געקאָנט לערנען, איז געווען חברות אין די שוהלען וואָס נאָך יעדער טאָג אַרבעט אָדער האַנדעל, איז מען געקומען לערנען. קיין שוהל האָט זיך ניט געשלאָסען תיכף נאָך מעריב. אין יעדע שוהל זיינען געווען בעלי-בתים וואָס האָבען אַליין געלערענט אָדער זיי האָבען זיך צוגעהערט ווי אַנדערע לערנען, און יעדער איינער האָט געזעהן האָבען אַ חלק אין דער תורה מיט'ן לערנען אַליין אָדער הערען פון יענעם ווי מען לערענט. יעצט איז געוואָרען אַז די וועלכע קענען עטוואס פאַרשטעהן לערנען און זיי דאַרפען זיצען הערען ווי אַ גוטער רבי לערענט מיט זיי, לערנען גאָר מיט אַנדערע וויל קיינער ניט הערען. אָט אַזוי ווערען די חברות בטל, און דאָס איז די שולד פון אַ פּרעזידענט, ווייל אָדער ער שפּאָרט געלט, ווייל ער ניט אָנשטעלען קיין גוטען רבי'ן פאַר דעם עולם, אָדער ער איז פאַראינטערעסירט אַז דער

עם-הארץ זאָל זיין אַ רבי. אויף זיי זאָגט דער פסוק וכשל עוזר ונפל עזור, אַז דער פרעזידענט וועט דורכפאַלן, וועט אַוועקפאַלן דער עם-הארץ, און מען וועט אַנשטעלן אַ ריכטיגן רבי'ן, וועט זיין אַ עולם ביי דעם לערנען, וועט פאַרשפּרייט ווערן תורה אויף דער וועלט, ע"כ ווער עס קען אויפטאָהן אַז מען זאָל לערנען תורה ברבים דורך אַ תלמיד חכם וואָס קען לערנען, איז זיין שכר זעהר גרויס, אָבער עס ליגט אַ חוב קדוש אויף יעדען אידען, ער זאָל די תורה ניט פאַרלאָזען און מען זאָל זעהן לערנען די תורה. די וועלכע קענען ניט לערנען, איז דאָ ספרים אין זשאַרגאָן, און די וועלכע קענען קיין אידיש אויך ניט, דאַרפען זיי זיך צוזאַמען ריידען און מאַכען חברות, מען זאָל מיט זיי לערנען — אַרבעט זוכט ער, וואָס צו עסען זוכט ער, וואָרום זאָל ער ניט זוכען לעבען ? און זוכען לעבען הייסט דאָס זוכען תורה, ווייל דער וואָס געפינט תורה, האָט ער געפונען לעבען, כי מוצאי מצא חיים, ד"ה, ווייל דער וועלכער געפינט מיר, האָט ער געפונען לעבען, און ווי געפינט מען דעם בורא ? איז אַז מען לערענט די תורה, ווייס מען אַז דער בורא איז אומעטום דאָ און מען וויל טאָהן זיין רצון, ווייל מען האָט אמונה, און אַז מען האָט די ריכטיגע אמונה, רוהט אויף איהם די שכינה, און מיט דער שכינה איז שוין דאָ לעבען, דאַרפען זיי דאָך זוכען די תורה, ווייל די תורה איז לעבען, און מען זאָל זיי העלפען אין דער אַרבעט, צו צוקומען צו דער מדריגה פון קענען לערנען, צו וויסען וואָס אַן עהרליכער איד איז מחוייב צו טאָהן, און די וועלכע וועלען גרינדען אַזעלכע חברות, וועלען האָבען פיל שכר דערפאַר, און אויך די וועלכע וועלען לערנען, וועלען האָבען פיל שכר, ווייל זיי וועלען וויסען דעם רצון הבורא, און וויסענדיג דעם רצון הבורא און מען וועט היטען צו טאָהן זיין רצון און מען וועט האָבען דאָס שטענדיג אין זינען, איז מען זוכה צו ריכטיגע אמונה, און דאַן רוהט די שכינה און מען קען זעהן חלומות בדרך נבואה אין פריהמאָרגען, ווען די נשמה קערט זיך אום פון הימעל אַ צופרידענע, און צו אַזאַ מדריגה דאַרף מען אַרבעטען

# פתרון חלומות

זעהר פיל ביז מען דערגרייכט אזא הויך, און יעדער מענש קען דאס דערוויזען, ער דארף נאר וועלען ארבעטען, וועט ער קומען צו אזא הויך און ער וועט האבען חלום של נבואה און ער וועט פארשטעהן זיין באדייטונג.

ע"כ א סגולה צו האבען א רוהיגע נאכט, איז אז מען זאל טאהן א דבר של מצוה מיט גרוים שמחה פאר'ן שלאף. אויך זאל א מענש תשובה טאהן יעדען אוועגד פאר'ן שלאף, און איבער־הויפט זאל זיין די תשובה א רעכענונג פון דאס וואס מען האט געטאהן אין תורה און אין מצוות דיזען טאג און וואס מען וועט דארפען טאהן מארגען דעם אנדער־טאג און באטראכטען דיזע וועג וואס מען געהט אויף איהר, צי זי איז גוט, און דאס איז דער רעכטער עיקר פון תשובה, כאטש אפילו דעם מענשען דארף פארדריסען פאר דער צייט וואס עס איז אוועקגעגאנגען אין גארניט, אבער מיט דעם פארדרוס אליין, אויב ער וועט ניט טאהן קיין גוטע ארבייט, וועט ער גארניט אויפטאהן, איז דער רעכטער עיקר ווען ער טוהט תשובה, ער זאל חרטה האבען אויף די פריהערדיגע זינד און זעהן אויפטאהן גוטע ארבעט, און ער זאל זעהן לייענען קריאת־שמע מיט גרוים כונה און זאל זאגען המפיל חבלי שנה פאר'ן שלאף, און אויב ער קען לערנען פאר'ן שלאף, ד"ה בעפאר קריאת־שמע, איז זעהר גוט, ווייל תורה, תשובה און קבלת עול מלכות שמים מיט שויתי ד' לנגדי תמיד וועט היטען פון אלעם בייזעם און ער וועט האבען א רוהיגע נאכט און ער וועט זעהן גוטע חלומות. אויך זאל ער האבען אין זינען בכל דרכיך דעהו, ד"ה, ער זאל טאהן פון ג' וועגען, ער זאל טאקע זאגען און ארויסריידען מיט'ן פולען מויל — איך געה שלאפען, ווייל איך וויל זיין אויסגערוהט צו מארגען פריה, איך זאל קענען דינען דעם ליבען ג' ב"ה געזונטערהייט מיט ליבשאפט, מיט פרייד, ווייל א מענש אז ער איז אויסגערוהט, קען ער בעסער דינען ג' מיט מעהר ליבשאפט, און דורך תורה, קריאת־שמע, תשובה וועט ער ברייננגען די שכינה צו זיין בעט

און ער וועט זיך לייגען שלאָפען מיט קדושה, מיט ריינקייט, מיט פרייד, וועט ער זוכה זיין צו חלומות של נבואה מיט אמת. דער עוויגער זאָל אונז העלפען אַז מיר זאָלען איהם קענען דינען מתוך הרחבה, מתוך שמחה, מתוך קדושה, מתוך טהרה, און מיר זאָלען זוכה זיין צו בני חיי ומזוני פון זיין פולער האַנט, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.

## הרב ר' אלי' מרדכי מזאה

## פרק ה

## אַ תחינה פאַר'ן שלאָפען געהן, מען זאָל האָבען אַ רוהיגע נאַכט, און אַ סגולה צו האָבען גוטע חלומות.

פון הרב הגאון ר' אלי' מרדכי מזאה

ליבער ג', דער באַשעפער פון אַלע וועלטען און אַלעם וואָס אין זיי, און דו האָסט זיי אַוועקגעשטעלט און דו פיהרסט זיי און דו פּאַסט אויף אַלע באַשעפעניש פון אַלע וועלטען, און דו גיבסט יעדען זיין באַדערפעניש אין זיין צייט, און דו האָסט באַשאַפען דעם הימעל מיט די ערד, דעם טאָג מיט נאַכט, און דו האָסט באַשאַפען דעם מענשען ער זאָל דיך דינען בייטאָג און ער זאָל רוהען ביי דער נאַכט פון דיינטוועגען, ער זאָל זיין אַן אויסגערוהטער אויפ'ן צווייטען טאָג, דיר צו דינען — איך געה יעצט שלאָפען און אויסרוהען זיך צוליב דיין נאָמען וועגען, כדי איך זאָל קענען אויפשטעהן פריש און מונטער, און פרעהליך, דיר צו דינען מיט אַן אמת ווי דיין באַגער איז, אָבער אַז איך נעהם זיך דערמאָנען אַז באַלד ווי איך וועל איינשלאָפען ווערען וועט דאַך ערשייינען מיין נשמה פאַר דעם כסא הכבוד אָפּ-צוגעבען דין וחשבון פאַר דעם גאַנצען טאָג אַרבעט וואָס מען האָט געטאָהן, שרעקט מיר מיין האַרץ, ווייל איך ווייס מיין קליינע ווירדע און אונזערע ווייניגע מעשים וואָס מיר קענען

אויפטאָהן פאַר'ן טאָג. איך ווייס אַז איך בין זינדיג פיליכט
אין פיל עברות וואָס איך האָב געטאָהן מיט כונה און אָהן כונה,
אָבער דו האָסט געשריבען אין דיין הייליגע תורה אַז מען וועט
תשובה טאָהן, וועסטו מוחל זיין און מען וועט זיין פאַררעכענט
ביי דיר ווי אַ צדיק, ע"כ בין איך געקומען פאַר די פאַרשעמטער־
הייט, מיט אַ צובראָכענער האַרץ פון די עברות וואָס איך האָב
געטאָהן, און איך טוה תשובה מיט'ן גאַנצען האַרצען אויף דעם
וואָס איך האָב געזינדיגט און איך זאָג דיר צו אַז איך וועל זעהן
שטאַרקען זיך, אָפּהיטען די אַלע זאַכען וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט
אין דיין הייליגער תורה דאָס אָפּצוהיטען. איך האָב חרטה
אויף די אַלע זינד וואָס איך האָב געטאָהן ביז יעצט, און דו,
גוטער ג', בעט איך דיך אַז דו זאָלסט זעהן מיין תשובה מיט מיין
חרטה וואָס קומט פון טיפען האַרצען און דו זאָלסט מיר מוחל
זיין אויף די אַלע זינד, ווייל איך זאָג דיר צו אַז מעהר קיין זינד
וועל איך ניט טאָהן, און איך בעט דיך האַר פון אַלע וועלטען,
אַז דו זאָלסט מיר געבען אַ רוהיגע נאַכט, אַ נאַכט אָהן שרעק,
אַ נאַכט איך זאָל שלאָפען רוהיג, עס זאָל ניט פּאַסירען קיינע
שלעכטעס ניט אין מיין הויז און אויך ניט אין קיין אידישע הויז
און עס זאָלען מיר ניט שרעקען מיינע געדאַנקען און עס זאָלען
מיר ניט שרעקען קיין בייזע חלומות, אויך קיינע טראַכטונגען,
און צו אַלע אידישע קראַנקע זאָלסטו צושיקען אַ רפואה שלמה,
און צו אַלע קימפּעטאָרינס די אידישע זאָלסטו שיקען דיין הילף
אַז זיי זאָלען איבערקומען לחיים טובים ושלום, און די אידען
וועלכע געהן אין וועג, זאָלסטו זיי היטען און בריינגען זיי אַהיים
געזונטערהייט, און דו זאָלסט אַלע אידען אויף זייערע עברות
מוחל זיין און מיר זאָלען זוכה זיין צו דינען דיך, מיר און אונזערע
אַלע קינדער מיט אַלע קינדס־קינדער, פרעהלאך, מיט אַן אמת
און מיט אַ גאַנץ האַרץ, אָמן.

## „בידך אַפקיד רוחי פדית אותי ד' אל אמת"

ד"ה, ביי דיר אין האַנט באַהאַלט איך מיין נשמה און דו האָסט מיר אויסגעלייזט, ווייל דו ביזט דער ג' פון אמת.

אַז ער וועט זאָגען די תחינה פאַר'ן שלאָפען, וועט ג' העלפען אַז ער וועט האָבען אַ רוהיגע נאַכט און ער וועט האָבען גוטע חלומות און ער וועט אויפשטעהן פריש און מונטער, אַן אויסגערוהטער און פרעהלאַך לעבודת הבורא ית', צו דינען דעם הייליגען באַשעפער בשמחה.

## פרק ו

יעצט אַז מיר ווייסען פון וואַנען עס קומען חלומות און מיר ווייסען אַז עס גיבען 3 סאָרטען חלומות, עס גיבען חלומות פון מאָגען, ווייל מען האָט צופיל געגעסען און דאָס איז געווען פאַר'ן שלאָף, דערפאַר חלומ'ט זיך דאָס ; אַ צווייטער סאָרט חלומות, פון די טראַכטונגען וואָס מען האָט געטראַכט ביי טאָג ווערט דאָס פאָרטגעזעצט ביי דער נאַכט, נאָר עס איז מיט מעהר שטאַרקייט, ווייל די איבעריגע חושים אַרבעטען נימ ביי דער נאַכט, אַרבעט דער חוש פון טראַכטען שטאַרקער, אַזוי שטאַרק אַז עס שטעלט זיך פאַר ווי דאָס קומט פאַר אין אַן אמת ; דער דריטער סאָרט חלומות וואָס עס קען זיין אמת'ע, עס האָט זיך גע'חלומ'ט אין פריהמאָרגען און דער מענש איז דאַן אַן אויסגערוהטער, באַווייזט זיך דאַן ריכטיגע זאַכען, גיבען דאַן גוטע חלומות און אויך חו"ח שלעכטע חלומות, און אויף די אַלע 3 סאָרטען חלומות בעטען מיר ביי ג' פאַר'ן שלאָף אין דער ברכה פון המפיל וואָס מיר זאָגען דאָס נאָך קריאת-שמע, זאָגען מיר אַזוי : „**ואל יבהלוני רעיוני וחלומות רעים והרהורים רעים**," „רעיוני" איז דער טייטש די געדאַנקען וואָס זיי שרעקען אויב מען עסט צופיל פאַר'ן שלאָף, אָדער מען עסט און מען לייגט זיך גלייך שלאָפען, בעטען מיר אַז די געדאַנקען

זאָלען אונז ניט שרעקען ; „וחלומות-רעים,“ די חלומות פון פריהמאָרגען וואָס עס פּאַסירט אַז זיי זיינען שלעכט, זאָל ער אונז היטען דערפון, „והרהורים-רעים,“ די שלעכטע טראַכ-טונגען וואָס ווערען פאַרטגעזעצט פון דעם טראַכטען פון ביי טאָג, זאָל דער שלעכטער טראַכטען אַוועקגעהן פון אונז און מיר זאָלען האָבען ריינע, פרעהלאַכע געדאַנקען און הייליגע מחשבות און גוטע חלומות, און אַז מען בעט אַ גוטען חלום מיט'ן גאַנצען הארצען, העלפט דאָס, אַזוי האָבען אונז געלערענט אונזערע הייליגע חכמים אין דער הייליגער גמרא.

אין דער פריה, ווי ער כאַפּט זיך אויף, זאָל ער תיכף ומיד געבען אַ שבח צום בורא וואָס ער האָט אומגעקערט זיין נשמה

צו איהם אין קערפּער, אַ פרישע, אַ געזונטע, און ער זאָל גאָרניט טראַכטען וועגען זיינע חלומות, נאָר זאָל גלייך איידער ער האָט נאָך אָפּגעגאָסען 3 מאָהל היפּענדיג די הענט מיט וואַסער, זאָל ער גלייך זאָגען „מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך,“ ד"ה, איך דאַנק דיר קעניג וואָס דו לעבסט אַלע מאָהל און דו ביזט אַלע מאָהל, דאַנק איך דיר דערפאַר וואָס דו האָסט געמאַכט אומקערען (ווייל ניט אַלע מאָהל וויל די נשמה געהן צוריק אין קערפּער ביז מען מאַכט איהר אומקערען זיך צוריק אין קערפּער) מיט פיל דערבאַרימקייט, עס איז פיל דיין ריכטיגקייט, נאכהער זאָל ער אַריינטראַכטען אַ הייליגע מחשבה, כדי דער גאַנצער טאָג זאָל זיין אַ הייליגער, אַזוי ווי מיר האָבען געשריבען אין ספר „שמירת הנפשות“ וואָס מיר האָבען בעזהש"י מחבר געווען. נאַכהער איידער ער פאַנגט אָן אַ טראַכט טאָהן וואָס איהם האָט זיך גע'חלומ'ט, זאָל ער זאָגען די דריי ווערטער „חלמא-טבא חזאי,“ נאַכהער קען ער טראַכטען וואָס איהם האָט זיך גע'חלומ'ט, און ווייל פיל מאָהל פּאַסירט אַז דער מענש געדיינקט גאָרניט וואָס איהם האָט זיך גע'חלומ'ט, דערפאַר זאָל ער זאָגען די ווערטער חלמא טבא חזאי, עס זאָל צו גוטען זיין, און אַז מען געדיינקט דעם חלום, מוז מען

# פתרון חלומות

וויסען די באַדייטונג, און צו וויסען די באַדייטונג, וועלען מיר דאָ שטעלען די באַדייטונג פון חלומות וואָס עס געפינט זיך אין דער גמרא און נאָך פאַרשיידענע ספרים, און מיר וועלען שרייבען די באַדייטונג און ווי מען זאָל זיך נוהג זיין ביי די אַלע סאָרטען חלומות, און וועלכע חלומות זיינען גוט און וועלכע חלומות טויגען ניט, און דער עוויגער זאָל זיי מאַכען צו גוטען, אָמן.

## פרק ז

די חלומות וואָס מען געדיינקט יע, און איבערהויפט די וועלכע מען חלום'ט אין פריהמאָרגען, גיבען עטליכע.

א) וועלען מיר באַצייכענען די חלומות וואָס עס חלום'ט זיך ווייל ער איז זעהר גרויס און ער איז חשוב אין הימעל, איז די חלומות טאָר ער פאַר קיינעם ניט אויסזאָגען, ווייל דאַן ווערט דאָס הייסען באַריהמעריי און גאוה, ווערט ער מעהר פאַר די גרויסקייט און פאַר'ן באַריהמען זיך, אַזעלכע חלומות ניט זעהן, און אַפּטמאָהל זיינען זעהר וויכטיג פאַר איהם, וועלען מיר די חלומות באַצייכענען מיט אַן אלף.

ב) וועלען מיר באַצייכענען די חלומות וואָס זיינען זעהר גוט, וואָס די גמרא זאָגט אַז זיי זיינען גוט, דאַרף ער זיי געפינען אין דעם ספר און זאָגען אַז דער חלום וואָס איך האָב געזעהן, די און די זאַך, באַווייזט אויף דאָס וואָס אין דעם ספר שטעהט, און זאָל דאָס האַלטען אין זיינע געדאַנקען און דאָס וועלען מיר באַ-צייכענען מיט אַ בית.

ג) דאָס זיינען חלומות וואָס עס ווענדעט זיך ווי מען באַשיידעט זיי, דאַרף מען זעהן אַז אַ פרומער זאָל זיי באַשיידען צו גוטען, וועלען מיר זיי באַצייכענען מיט אַ גימל.

ד) דאָס איז חלומות וואָס מען טאָר זיי ניט דערצעהלען און מען זאָל זיי ניט אַרויסריידען פון מויל, נאָר מען זאָל געהן צו אַ רב און ער זאָל נעהמען נאָך 2 מענשען און דער רב מיט די

# פּתרון חלומות

2 מענשען זאָלען איהם מטיב חלום זיין, און אַם ענדע וועלען מיר שרייבען וואָס מען זאָל נאָך טאָהן זאַכען וואָס זאָל העלפען, און זיי וועלען מיר באַצייכענען מיט אַ דלית.

און ג׳ זאָל אונז העלפען דאָס מיר זאָלען זעהן גוטע חלומות מיט גוטעס אויפ׳ן וואָהר און מיר זאָלען מגדל זיין אונזערע אַלע קינדער לתורה, לחופה ולמעשים טובים, אָמן.

## פּרק ח — חלומות מין א

א) אַז מען חלומ׳ט אַז מען לייגט תפילין, איז אַ באַוויז אַז מען וועט גרויס זיין; אַז מען זאָגט אמן יהא שמא רבא, איז מען בטוח אַז מען וועט האָבען עולם הבא.

אַז מען לייענט קריאת-שמע אין חלום, איז מען ראוי אַז די שכינה זאָל אויף איהם רוהען, נאָר דער דור איז ניט ווערטה; אַז מען זעהט אליי׳ הנביא אין חלום, וועט איהם זיין זעהר גוט; אַז מען זעהט דוד המלך אין חלום, זאָל ער האָפען אויף גרויס פרומקייט מיט הצלחה.

אַז מען זעהט שלמה המלך, וועט ער קלוג ווערען און אַלעם וואָס ער וועט טאָהן וועלען אַלע זאָגען אַז דאָס איז זעהר קלוג; אַז מען זעהט שיר השירים, זאָל ער האָפען אויף פרומקייט, אַז מינן זעהט קהלת, זאָל ער האָפען אויף חכמה.

אַז מען זעהט יעקב אָבינו, האָט מען איהם צוגעגעבען לעבען און לאַנגע יאָהר.

אַז מען זעהט בן עזאי, זאָל ער האָפען אויף גרויס פרומקייט.

אַז מען זעהט בן זומא, זאָל ער האָפען אויף גרויס חכמה.

אַז מען זעהט רבי יהודא הנשיא, זאָל מען האָפען אויף חכמה.

אַז מען זעהט רבי אלעזר בן עזרי׳, זאָל ער האָפען אויף רייכקייט.

# פתרון חלומות

אַז מען זעהט אַ מענשען וואָס זיין נאָמען איז מיט 2 נונען, איז גלייך ווי מען וואָלט זעהן די שכינה.

אַז מען זעהט אַ סוכה, איז גלייך ווי מען זעהט די שכינה; אַז מען זעהט ירושלים, וועט ער גרויס ווערען; אַז מען זעהט עבר הירדן, האָט ער אַ חלק מיט די צדיקים.

אַז מען געהט אַרויף אויף אַ דאַך אָדער אַזוי אַ הויכער, אַ פעסטער אָרט, וועט ער גרויס ווערען.

אַז מען זעהט אַן אתרוג אין חלום, איז מען שעהן פאַר ג׳ ב״ה. אַז מען זעהט אַ לולב, האָט ער אַ ריכטיגע האַרץ פאַר דעם בורא.

אַז מען זעהט אַ גאַנצע חלה אַ ווייסע אין חלום, איז מען בטוח אַז מען וועט האָבען עולם הבא; אַז מען זעהט אין חלום אַ שטיקעל חלה פון ווייסע זעמעל מעל, באַווייזט דאָס אַז מען האָט צוגעהערט זיין געבעט.

אַז מען זעהט קירבעס אָדער קאַווענעס (וואַטערמעלאָן), באַווייזט דאָס אַז מען איז אַ צדיק, אָבער מען זאָל זיך נים האַלטען פאַר אַ צדיק; אַז מען זעהט אַז מען עסט ווייסע גרעיפּס אין דער צייט ווען זיי ווערען פאַרטיג, איז אַ באַווייז אַז מען וועט האָבען עולם הבא.

## פרק ט — חלומות מין ב

אַז מען זעהט ווייץ אין חלום, באַווייזט דאָס אויף שלום און אויף רוהיגקייט; אַז מען זעהט גערשטען, זיינען פון איהם אַוועק די עבירות.

אַז מען געהט מופען אין אַן אַנדער שטאָדט אָדער אין אַן אַנדער הויז און מען חלומ׳ט גערשטען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט מצליח זיין אין דער נייער הויז.

אַז מען זעהט אַ וויין־שטאָק, באַווייזט דאָס אַז די פרוי וועט דורכטראָגען איהר שוואַנגערשאַפט און זי וועט האָבען אַ לאַנג לעבעדיגע קינד.

# פתרון חלומות

אַז מען, זעהט אַ צווייג פון גרעיפּס (ווינאָגראַד), זאָל ער האָפען אַז ער וועט זעהן משיח'ן.

אַז מען זעהט אַ פייגען בוים, זאָל ער לערנען תורה, ווייל ער וועט מצליח זיין אין לערנען.

אַז מען זעהט מיל-גרוימען, ווענדט זיך אַזוי, אויב קליינע מיל-גרוימען אַ סך, וועלען זיינע געשעפטען זיין פילע און ער וועט האָבען פאַרשיידענע געשעפטען, און אויב די מיל-גרוימען זיינען גרויסע, וועלען זיינע געשעפטען זיין גרויסע, און גוטע.

אַז מען זעהט האַלבע מיל-גרוימען, אויב ער איז אַ תלמיד חכם זאָל ער האָפען אַז ער וועט באַגליקען אין תורה, און אויב ער איז ניט קיין לערנער, זאָל ער טאָהן מצוות.

אַז מען זעהט אוילבערטען, אויב מען זעהט די פרוכט, וועט זיינע געשעפטען פאַרבעסערען; אויב מען זעהט די בוימער פון די אוילבערטען, וועט ער פיל קינדער האָבען אָדער ער וועט קריגען אַ גרויסען נאָמען.

אַז מען זעהט זית אויל, זאָל ער האָפען אויף די ליכטיגקייט פון דער תורה.

אַז מען זעהט טייטלען אין חלום, באַווייזט דאָס אַז עס האָט זיך געענדיגט זיינע עברות.

אַז מען זעהט אַ ציג אין חלום, וועט ער האָבען אַ גוט יאָהר; אַז מען זעהט פיל ציגען, וועט מען האָבען פילע גוטע יאָהר.

אַז מען זעהט אַ הדס אין חלום, וועלען ביי איהם די געשעפטען געהן גוט, און אויב ער האָט קיינע געשעפטען, וועט ער באַקומען פון אַנדערש וואו.

אַז ער זעהט אַ גאַנז אין חלום, זאָל ער האָפען אויף חכמה.

אַז מען זעהט אַ האָן, אַ באַווייז אויף אַ בן זכר אָדער אַן אייניקעל; תרנגולים (הענער) — אַ פולע זיהן אָדער אייניקלאַך;

# פתרון חלומות

אַז מען זעהט אַ הון, זאָל ער האָפען אויף אַ שעהנע הויז מיט פרייד ; אַז מען זעהט אייגס (אייער), איז זיין פאַרלאַנג היינגט אין לופטען ; האָבען זיי זיך צובראָכען, איז אַ באַוויז אַז זיין פאַרלאַנג איז ערפילט געוואָרען, און אַזוי איז נים, אויב ער זעהט גאַנצע נים, היינגט זיין פאַרלאַנג אין דער לופטען, האָבען זיך די נים צובראָכען, איז ערפילט געוואָרען זיין פאַרלאַנג, און אַזוי איז ווען מען האָט געזעהן קירבעס, און אַזוי איז אויך מיט אַלע גלאָזוואַרג, און אַזוי איז יעדער זאַך וואָס עס צו ברעכט זיך, איז אַ באַוויז אַז דער פאַרלאַנג איז ערפילט געוואָרען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען געהט אַריין אין אַ שטאָדט, איז אַ באַוויז אַז זיין פאַרלאַנג וועט ערפילט ווערען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען שערט דעם קאָפּ האָר, באַווייזט דאָס אויף גרויסקייט פאַר איהם ; אויב ער חלומ'ט אַז ער שערט די באָרד אויך, באַווייזט דאָס אויף גרויסקייט פאַר איהם מיט דער גאַנצער פאַמיליע ; אַז ער זיצט אין חלום אין אַ קליינע שיפעל, וועט ער האָבען אַ גוטען נאָמען ; אַז ער חלומ'ט אַז ער זיצט אין אַ גרויסער שיף, באַווייזט דאָס דאָס עס וועט אַרוים אַ גרויסער נאָמען פאַר איהם מיט דער גאַנצער פאַמיליע, אָבער מען מוז חלומ'ען אַז די שיף געהט אַרויף וואַסער.

ווען ער חלומ'ט אַז ער געהט אויף באַדערפעניש און ער האָט גע'חלומ'ט אַז ער האָט קיין פייפער גענוצט, באַווייזט דאָס אַז זיינע עברות געהען אַוועק פון איהם און קיין עסען וועט איהם נים פעהלען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז אַרויף אויפ'ן דאַך (רוף), וועט מען גרוים ווערען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען צורייסט קליידער, באַווייזט דאָס אַז אַלעם בייזעס, שלעכטעס וואָס עס האָט געזאָלט פאַסירען, איז צוריסען געוואָרען ; אַז עס חלומ'ט זיך אַז מען איז נאַקעט, אויב עס חלומ'ט זיך דאָס ווען מען געפינט זיך אין ארץ ישראל,

זאָל ער זעהן סטאַרען זיך טאָהן מצוות, און אויב מען איז ניט אין ארץ ישראל און עס חלומ'ט זיך אַז מען איז נאַקעט, איז באַווייזט דאָס אַ מען איז אָהן עברות.

אַז עס חלומ'ט זיך. אַז מען איז אַרעסטירט געוואָרען, איז דאָס באַווייזט אַז מען היט איהם פון הימעל דאָס קיין שלעכטעס זאָל איהם ניט געשעהן, און אַז מען חלומ'ט אַז מען האָט אין קייטען געשמידט, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען היט איהם מעהר און מעהר פון הימעל ; אַז עס חלומ'ט זיך אַז עס איז אַרוים בלוט פון אַן אָדער, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען איז יעצט מוחל די זינד ; אַז מען זעהט אַ שלאַנג אין חלום, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען וועט האָבען פרנסה, און אויב מען חלומ'ט אַז דער שלאַנג האָט איהם אַ בים געטאָהן, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען וועט האָבען פרנסה 2 מאָהל אַזוי פיל ; אַז מען חלומ'ט אַז מען שטעהט אויף אַ באַרג, אָדער מען געהט אַרויף באַרג, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען וועט גרוים ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען שטעהט אויף אַ הויך אָרט, באַווייזט דאָס דאָס גרויסע מענשען וועלען איהם גלייכען ; אַז מען חלומ'ט אַז פון דעם הויכען אָרט געהט מען נאָך העכער, איז דאָס אַ באַווייז אַז ער וועט זיין גרוים און אויך זיינען קינדער ; אַז מען חלומ'ט אַז מען געהט אויף אַ לייטער, איז זעהר גוט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען זעהט פון דער הויך אַרונטער, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען וועט לאַנג לעבען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען גראָבט אויף ערד, איז דאָס אַ באַווייז אַז מען וועט זיך קיין מאָהל ניט שרעקען

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז ביי זיך אין הויז און אין דער אייגענער מדינה, וועט מען אָפּגעהיט ווערען פון אַלעם בייזעס.

אַז מען חלומ'ט אַז מען שטעהט אויף זעהר אַן ענג פּלאַץ, וועט מען גלייך פאַרדינען פיל און עס וועט גוט ווערען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז אין אַ פיין אויסגעפּאַרבטער הויז, איז דאָס אַ באַווייז אַז פרייד מיט רוהיגקייט וועט מען האָבען ;

# פתרון חלומות

אַז מען חלומ'ט אַז אַן אַלט הויז איז אַיינגעפאַלען, וועט איהם גוט זיין ; אַז מען חלומ'ט אַז מען איז געפאָהרען פון איין לאַנד אין אַ צווייטער לאַנד און מען איז געקומען צוריק אַהיים, וועט איהם זעהר גוט זיין ; אַז מען זעהט אין חלום אַ טייך און דער וואַסער געהט שטיל, באַווייזט דאָס אַז ביי איהם וועט זיין רוהיג.

אַז מען זעהט רעגען אין חלום, באַווייזט דאָס אַז מען וועט גוט פאַרדינען ; אַז ער זעהט אין חלום אַז עס געהט אַ שטאַרקער רעגען זומער, באַווייזט דאָס אַז מען וועט אָנזאָגען וועגען גרויסקייט ; אַז ער חלומ'ט אַז ער שטעהט אונטער'ן רעגען, באַווייזט דאָס אַז ער וועט האָבען פיל גוטעס.

אַז ער חלומ'ט אַז ער געהט אַריין אין אַ וואַלד, באַווייזט דאָס אַז ער וועט האָבען תלמידים.

אַז ער חלומ'ט אַז ער טרינקט רעגען וואַסער, באַווייזט דאָס אַז ער וועט האָבען אַ פרייד ; אַז ער חלומ'ט אַז ער טרינקט טיי, באַווייזט דאָס אַז איהם וועט זיין גוט ; אַז ער חלומ'ט אַז ער טרינקט קאַלטע וואַסער, וועט ער פיל געלט האָבען.

אַז ער זעהט אַ באָד אין חלום, וועט ער געראַטעוועט ווערען פון אַ צרה, און אויך קען מען דאָס באַשיידען אַז איהם וועט גוט זיין ; אַז ער חלומ'ט אַז ער וואַשט זיך מיט וואַסער וואָס עס איז ניט קאַלט און ניט הייס, באַדייט דאָס אויף גרוים פרייד ; אַז ער חלומ'ט אַז ער וואַשט זיך מיט קאַלטע וואַסער, באַווייזט דאָס אַז די צרות געהען אַוועק און ער וועט האָבען גוטע בשורות ; אַז ער חלומ'ט אַז ער געהט אַריין אין אַ באָד, וועט ער אויס-געהיט ווערען פון שלעכטע מענשען ; אַז ער חלומ'ט אַז ער איז אַ בעדער אָדער אַ שערער, וועט ער זיין גרוים, אַז מענשען וועלען זיך וואונדערען אויף זיין גרויסקייט ; אַז עס חלומ'ט זיך אַז ער וואַשט זיך אין ים, באַווייזט דאָס אויף רוהיגקייט ; אַז ער חלומ'ט אַז ער שווימט אין אַ ים אָדער אין אַ טייך אָדער אין אַ מקוה, וועט ער זיך באַהעפטען מיט גוטע מענשען, און אויב ער

# פתרון חלומות

חלומ׳ט אַז ער שווימט אין גאָר דעם גרויסען ים און די כוואַליעס טרייבען, זיי הויבען, וועט ער הנאה האָבען פון אַ גרויסען קעניג; אַז מען חלומ׳ט אַז מען שווימט אין אַ קוואַל וואַסער, וועט ער טאָהן אַ שידוך מיט אַ גרויסען צדיק; אויב ער חלומ׳ט אַז ער טרינקט פון קוואַל וואַסער, באַווייזט דאָס אַז ער וועט האָבען גרויס צופרידענהייט; אַז ער חלומ׳ט אַז ער שווימט אין אַ בלאָטע, באַווייזט דאָס אַז ער וועט געראַטעוועט ווערען פון אַלעם שלעכטעס.

אַז ער חלומ׳ט אַז דער ווינט האָט איהם אויפגעהויבען, באַווייזט דאָס אַז ער וועט האָבען הערשאַפט.

אַז מען זעהט אַ מטבע, ניט אַן אָפּגעריבענע, אין חלום, באַווייזט דאָס אַז ער וועט רייך ווערען.

אַז מען זעהט אין חלום אַ גלעזערנעם דיימאָנד, באַווייזט דאָס אַז דער עוויגער ליבט איהם.

אַז מען זעהט פּערעל אין חלום, וועט מען האָבען הערשאַפט מיט כבוד.

אַז מען זעהט אַ שטעמפעל אין חלום, באַווייזט דאָס אַז מען וועט טאָהן אַ גוטע זאַך וואָס אַלע וועלען איהם לויבען.

אַז מען זעהט אין חלום אַ קיילעכדיגען רינג אָהן אַ שטיין, וועט מען טאָהן אַ זאַך וואָס מען וועט געלויבט ווערען; אַז מען זעהט אַ רינג מיט אַ זילבערנעם שטעמפעל אויף איהם, באַווייזט דאָס אַז מען וועט האָבען אַזאַ גרויסקייט וואָס אַלע וועלען איהם מקנא זיין; אַז ער חלומ׳ט אַז מען האָט איהם געגעבען אַ רינג אַ פּרעזענט, באַווייזט דאָס אַז איהם וועט זעהר גוט זיין; אַז מען זעהט אין חלום אַן אייזערנעם רינג, וועט מען גלייך פאַר פאַרדינען, אויף דעם באַווייזט דאָס.

אַלע זילבערנע זאַכען אַז מען זעהט אין חלום, באַווייזט דאָס אַז מען וועט האָבען פיל גוטעס.

# פתרון חלומות

אַז מען חלומ'ט אַז מען האָט געפונען אַ גאָלדענע אָדער אַ זילבערנע כלי, באַווייזט דאָס אַז מען וועט האָבען גרויס כבוד.

אַז מען געפינט גאָלד אין חלום אָדער מען געפינט אַ דיימאָנד, באַווייזט דאָס אַז מען וועט זעהר גרויס ווערען.

אַז ער זעהט אין חלום אַז עס איז געפאַלען אַ גאָלדענע אָדער אַ זילבערנע כלי, וועט פון איהם אָפּפאַלען אַלעם שלעכטעם וואָס שונאים האָבען איהם געוואָלט טאָהן.

אַז מען זעהט מעטאַלען (מעטעלס) אין חלום, באַווייזט דאָס אַז איהם וועט זיין גוט; אַז מען זעהט אייזען אין חלום, באַווייזט דאָס אַז עס וועט זיין גוט.

אַ מען זעהט אַ פעלד מיט ביימער אין חלום, באַווייזט דאָס אויף גוטע צייטען; אַז מען זעהט אין חלום גרינע ווייץ, באַווייזט דאָס אַז מען וועט פאַרדינען פיל געלט.

אַז מען זעהט געקעכץ אין חלום, באַווייזט דאָס אויף גרויס רייכקייט; אַז מען האַלט מעל, באַווייזט דאָס אַז מען וועט פאַרדינען; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט רעטאַך אָדער צוריבענע כריין אָדער ווערזשעטייבעלס, גוטע פאַרדינסטען מיט גוטען לעבען וועט קומען; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט קרויט אָדער אַנדערע גרינסען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט פיל גוטעס האָבען.

אַלע גרינכען איז זעהר גוט אַז מען זעהט אין חלום.

אַז מען חלומ'ט אַז מען שניידט זאַנגען, באַווייזט דאָס אויף פאַרדינסט.

אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט באָב, באַווייזט דאָס אויף פאַרדינסט.

אַז מען חלומ'ט אַז מען פלאַנצט ביימער, באַווייזט דאָס אַז מען האָט געטאָהן אַ גוטע זאַך; אַז מען חלומ'ט אַז מען פלאַנצט אַ ווייןגאָרטען, זאָגט דאָס אָן אויף גוטעס; אַז מען זעהט אין

# פתרון חלומות

חלום בוימער בליהען, באווייזט דאָס אויף פיל גוטעס ; אַז מען זעהט אַ יונגע בוים אין חלום און עס וואַקסט אויף איהר פרות (פּרוכט), באַווייזט דאָס אַז עס וועט זיין גוט איהם מיט זיין פרוי ; אַז ער זעהט אַ בוים פול מיט פרות אין חלום, באַווייזט דאָס אויף גוטע פאַרדינסטען און ער וועט באַפריינדעט ווערען מיט אַ גרויסען סאָרט מענשען און ער וועט זיין זעהר צופרידען ; אַז ער זעהט אַן עפּעל בוים מיט עפּעל זיסע אין חלום, באַווייזט דאָס אַז ער וועט באַפריינדעט ווערען מיט אַ גוטען מענשען, זעהר אַ רייכען ; אַז מען זעהט אין חלום אַז מען שלאָפט אונטער בוימער, באַווייזט דאָס אַז מען וועט האָבען זיהן ; אַז מען חלומ'ט אַז מען שלאָפט אונטער איין בוים, באַווייזט דאָס אַז ג' וועט איהם העלפען.

אַז מען זעהט אַ ווייסען פערד אין חלום, איז זעהר גוט.

אַז מען זעהט אַ ט' אין חלום, איז זעהר גוט, און אַז מען זעהט אַ ט' ב', איז נאָך בעסער, ווייל דאָס מאַכט טב, ד"ה גוט.

אַז מען זעהט אין חלום לאַנגע בערוועגעס, ד"ה גרויסע בוימער אָפּגעזעגטע, באַווייזט דאָס אויף זאַטקייט מיט רוהיגקייט.

אַז ער זעהט אין חלום פיל בוימער אַרום זיך, וועט ער האָבען זיהן.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז אָנגעשפּאַרט אויפ'ן בעט, איז דאָס זעהר גוט.

אַז מען זעהט די ערשטע פרות וואָס ווערען צייטיג, באַווייזט דאָס אַז מען וועט האָבען גרויסקייט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט באַרען אָדער אַפּריקאָסען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט לעבען אַ גוטען לעבען ; אַז מען זעהט אין חלום ראָזינקעס, באַווייזט דאָס אַז מען וועט פאַרדינען ; אַז מען זעהט אין חלום פרישע פייגען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט מאַכען געלט אין ביזנעס (ד"ה געשעפטען) ; אַז מען עסט טרוקענע פייגען,

# פתרון חלומות

באווייזט דאָס אַז מען וועט פאַרדינען ; אַז מען זעהט אַן אתרוג אין חלום, איז ער געפעלען דעם בורא ; אַז מען זעהט נים אין חלום, וועט מען לעבען אַ גוטען לעבען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען האָט געגומען נים, וועט ער קריגען כבוד פון אַ גאַנץ פאָלק ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט עפּעל, אַ גוטען לעבען מיט גרויסקייט וועט ער האָבען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען זעהט פעפער, וועט ער האָבען פיל גוטעס און אַ צוטריט צו די גרעסטע מענשען.

אַלע פרוכטען אַז מען זעהט אין חלום, באַווייזט דאָס אויף גוטעס.

אַז מען חלומ'ט אַז מען דריקט אוים גרעיפּס (ווינאַגראַדען), באַווייזט דאָס אויף פיל גוטעס אָדער אויף גרוים רייכקייט ; אַז מען זעהט אַ פעסעל וויין אין חלום, וועט מען האָבען אַ שמחה ; אַז מען חלומ'ט אַז מען איז שכור, וועט מען גרוים ווערען.

אַלע געטראַנקען זיינען גוט צום חלום.

אַז מען זעהט ביר פון גערשטען אין חלום, וועט ער האָבען גרויסע געשעפטען מיט אַ סך רייכקייט ; אַ געטראַנק פון טייטלען אַז מען זעהט אין חלום, וועט מען האָבען פיל גוטעס מיט רייכקייט.

אַז מען זעהט פיל שיפען אין חלום, באַווייזט דאָס אויף זאַטקייט מיט הערשאַפט וועט מען האָבען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען איז אַריין אין אַ שיף, וועט ער געהן אַ וויימע וועג ; אַז מען זעהט אין חלום אַ שיף מיט אַ גרויסען פלעג, באַווייזט דאָס אַז זיין רייכקייט מיט זיין גרויסקייט וועט זיין פיל, ער שטעהט אין שיף און די שיף שטעהט אין פאָרט, זאָל ער האָפען אויף פיל גוטעס ; אַז מען זעהט אין חלום אַז אַ שיף איז דערטרונקען געוואָרען חו"ח, ווערט ער אָפּגעהיט פון אַלעם בייזעס און אויך פון גיהנום ; אַז מען חלומ'ט אַז מען איז אַרויסגעפאַלען פון שיף

# פּתרון חלומות

אין מדינה, וועט איהם זיין זעהר גוט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען פאָהרט אויף אַ שיף און זי איז דערטרונקען געוואָרען, האָט מען איהם מוחל געווען אַלע עבירות.

אַז מען זעהט אין חלום קליינע פיש, וועט מען האָבען פאַר־דינסט, און אַז מען זעהט גרויסע פיש, וועט מען האָבען גרויס פאַרדינסט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען כאַפּט פיש, וועט אין גיבען צו איהם אָנקומען אַ גוטער אָנזאָג ; אַז מען חלומ'ט אַז מען כאַפּט פיש גרויסע, איז גרויס פאַרדינסט, קליינע, איז קליין פאַרדינסט.

אַז מען זעהט אַ קינד זויגט פון דער מוטער, וועט מען פיל לערנען, און אויב מען זויגט אַליין, וועט מען פיל פאַרדינען, מען זאָל קענען לערנען רוהיגערהייט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט מילך, וועט ער האָבען רייכקייט מיט גרויסקייט און זיין מזל וועט זיך פאַרבעסערען ; אַז מען זעהט אין חלום אַז מען מעלקט שעפּסען אָדער ציגען, וועט מען רייך ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט מילך פון אַ הירש, באַווייזט דאָס אויף אַ זוהן מיט גרויס גוטעס ; אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט מילך פון אַ שעפּס, וועט מען פיל פאַרדינען, אָדער מען וועט האָבען גוטע געדאַנקען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט מילך פון אַ פערדיכע, באַ־ווייזט דאָס אַז מען וועט געפינען געלט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט מילך פון קיה, וועט איהם זיין גוט.

אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט רויהע קעז, באַווייזט דאָס אויף פאַרדינסט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט ציגענע פּוטער, וועט מען גרויס ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט פּוטער פון אַ קוה, וועט מען האָבען אַ גוטען אָנזאָג ; אַז מען חלומ'ט אַז מען פאַרקויפט פּוטער אָדער קעז, וועט מען גרויס ווערען.

אַז מען זעהט אין חלום אַז מען זוכט אייער, וועט מען קנעכט און דינסטען האָבען ; אַז מען זעהט אין חלום אַז מען עסט

אייער געקאָכטע אָדער צובראָכענע, באַווייזט דאָס אַז זיין תפלה איז אָנגענומען געוואָרען ; אַז מען זעהט אין חלום אַז מען עסט געקאָכטע אייער, באַווייזט דאָס אַז מען וועט לעבען אַ גוט לעבען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט רויהע אייער, וועט זיך מעהרען ביי איהם פיל גוטעס.

אַלע סאָרטען אייער אַז מען זעהט אין חלום, באַווייזט דאָס אויף פיל גוטעס.

אַז מען זעהט אין חלום מאכלים מיט האָניג, וועט מען האָבען פיל גוטעס.

אַז מען זעהט אַ קעניג אין חלום, וועט מען גרויס ווערען.

אַלע האַרען אַז מען זעהט אין חלום, וועט מען גרויס ווערען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז געשטאָרבען, האָט מען געטאָהן אַ גוטע זאַך, אַ דבר מצוה וואָס מען איז נאָהענט צו ג' ; אַז מען זעהט אין חלום אַז מען איז געשטאָרבען, וועט מען לאַנג לעבען ; אַז מען זעהט אין חלום אַז אַ געשטאָרבענער איז געקומען אין הויז, באַווייזט דאָס אַז עס וועט זיין אַ שמחה אין הויז ; אַז מען חלומ'ט אַז דער געשטאָרבענער האָט געגעסען אין הויז אָדער ער האָט געטרונקען, באַווייזט דאָס אַז עס וועט זיין גוט פאַר אַלע ; אַז מען חלומ'ט אַז דער געשטאָרבענער האָט וואָס גענומען, באַווייזט דאָס אַז עס וועט צוגענומען ווערען אַלעס שלעכטעס פון הויז ; אַז ער חלומ'ט אַז ער רעדט מיט אַ טויטען, וועט ער באַפריינדעט ווערען מיט גוטע מענשען און ער וועט געהן אין זייערע וועגען ; אַז מען זעהט אין חלום אַז אַ געשטאָרבענער קרוב איז געקומען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט רייך ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז זיין געשטאָרבענער קרוב האָט איהם אַרום-גענומען אָדער געקושט, וועט מען זיין זעהר רייך ; אַז מען חלומ'ט אַז דער געשטאָרבענער האָט איהם געגעבען אייזען אָדער געוועהר, מעג ער געהן איבעראַל און ער דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען זעהט די געשטאָרבענע

# פתרון חלומות

עלטערען און מען חלומ'ט אז זיי זיינען נאך אמאהל געשטארבען, וועט מען האבען גרוים פרייד, און אויב ער האט גע'חלומ'ט אז זיי האבען איהם עפּעס געגעבען, וועט זיין די פרייד נאך גרעסער.

אז מען חלומ'ט אז מען איז געגאנגען צו א לוי', האט ער געטאהן א גוטע זאך וואס ער איז נאהענט צו ג'.

אז מען זעהט געשריבען דעם ווארט הספד אין חלום, איז פון הימעל האט מען איהם אויסגעלייזט פון אלעם שלעכטעס.

אז מען האט גע'חלומ'ט אז מען האט גע'הרג'עט א מענשען, וועט ער האבען א נס.

אז מען חלומ'ט אז מען נעהמט א בגד, וועט מען פסקנ'ען שאלות אדער עס וועט ארויסקומען אזא וואס וועט פסקנ'ען שאלות ; אז מען חלומ'ט אז מען טראגט גאלדענע קליידער, וועט ער האבען זעהר פיל גוטעס ; אז מען חלומ'ט אז מען טראגט א גארטעל א זיידענעם, וועט ער ווערען גרוים ; אז מען חלומ'ט אז מען איז אנגעטאהן אין גאלד און זילבער, וועט ער ווערען אזוי גרוים וואס קיינער האט ניט געדיינקט פון דעם ; אז מען טראגט ווייסע זאכען אין חלום, איז א סימן אויף גוטע מעשים ; אז מען חלומ'ט אז מען טראגט א ווייסען בגד, וועט מען האבען א גוטע צייט.

אלע סארטען קאלירען פון קליידער ווייזען אויף גוטעס.

אז מען חלומ'ט אז עס צורייסט זיך די קלייד, צורייסט זיך דער שלעכטער דין.

אז ער זעהט א קרוין אויף דעם קאפּ, וועט ער גאר אין גיכען פיל גוטעס האבען.

א קראנקער ר"ל איז אויב ער חלומ'ט אז ער טוהט אויס די זאכען, וועט ער גלייך געזונט ווערען.

אז מען חלומ'ט אז עס איז פארברענט געווארען די זאכען,

# פתרון חלומות

ווערט מען גלייך פיל פארדינען און ער וועט קויפען בעסערע זאכען.

אז מען זעהט אין חלום א בריף, באווייזט דאס אויף פיל גוטעס.

אז מען זעהט אין חלום מגלת אסתר, וועט ער האבען א נס.

אז מען זעהט אין חלום די זון, באווייזט דאס אויף א הערשאפט, א גרויסע ; אז מען זעהט אין חלום די לבנה, באווייזט דאס אויף א הערשאפט ; אז מען זעהט אין חלום די זון מיט דער לבנה צוזאמען, וועט מען פיל גוטעס האבען ; אז מען זעהט שטערען אין חלום, וועט מען האבען ברידער, חברים, תלמדים, פעלקער ; אז מען זעהט אז עס האט זיך געעפענט די טויערען פון הימעל אין חלום, וועט פיל גוטעס זיין פאר אלעמען פון הימעל.

אז מען שעפט וואסער אין חלום, באווייזט דאס אז מען וועט גלייך געהאלפען ווערען.

אז מען זעהט שטעקלאך אין חלום, באווייזט דאס אויף גרוים פארשטאנד.

א קראנקער אז ער זעהט דעם ווארט הספד אין חלום, באווייזט דאס אז ער וועט געזונט ווערען.

אז מען חלומ'ט אז מען רייט אויף אן אקס, וועט מען גרוים ווערען.

אז מען חלומ'ט אז מען עסט רינדענע פלייש, וועט מען רייך ווערען.

אז מען חלומ'ט אז דער אקס האט איהם געשטויסען, באווייזט דאס אז מען וועט האבען קינדער וואס וועלען זיך מפלפל זיין אין תורה ; אז מען זעהט אן אייזעל אין חלום, באווייזט דאס אז מען וועט גלייך געהאלפען ווערען.

א קראנקער אז ער זעהט אין חלום אז ער טרינקט ביר, באווייזט דאס אז ער וועט גלייך געהיילט ווערען.

# פתרון חלומות

אַז מען חלומ'ט אַז מען פליהט הויך, וועט מען דערהויבען ווערען.

אַז מען זעהט אַן אָקס מיט שעפּסען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט גרויס ווערען ; אַז מען זעהט אַ סך אָקסען אָדער קיה אין חלום, איז זעהר גוט ; אַז מען זעהט אָקסען פיטערען זיך אין פעלד, פרייד מיט רייכקייט זאָגט דאָס אָן ; אַז מען רייט אויף אַן אָקס, באַווייזט דאָס אַז מען וועט פיל כבוד האָבען ; אַז מען עסט רינדערנע פלייש אין חלום, וועט מען רייך ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען פיטערט שעפּסען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט פיל קינדער האָבען און מען וועט אַ גוטען נאָמען קריגען ; אַז מען זעהט בעק אין חלום און זיי האָבען איהם געשטויסען, באַווייזט דאָס אַז מען וועט רייך ווערען און מען וועט פיל גוטעס טאָהן מיט זיין רייכקייט.

אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט זויער-מילך, וועט מען האָבען פיל מזל-ברכה אין הויז.

אַז מען זעהט אַ קעמעל וואָס מען פאָהרט אויף איהם אין חלום, איז דאָס זעהר גוט ; ער פיהרט אַ קעמעל אין חלום, וועט זיין מזל זיך שטאַרקען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען האָט גע'הרג'עט אַ קעמעל, איז זעהר גוט ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט די פלייש פון אַ קעמעל, באַווייזט דאָס אַז מען וועט רייך ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען טרינקט די מילך פון אַ קעמעל, באַווייזט דאָס אַז מען וועט רייך ווערען.

אַז מען רייט אויף אַ פערד אין חלום, באַווייזט דאָס אַז מען וועט גרויס ווערען ; אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט פערדישע פלייש, וועט מען רייך ווערען.

אַלע פיש אַז מען זעהט אין חלום, באַווייזען אויף גוטעס.

אַלע מילכיגס איז גוט אַז מען זעהט אין חלום.

אַלע אייער אַז מען זעהט אין חלום איז גוט.

# פתרון חלומות

אַלע פייגעלאך אַז מען זעהט אין חלום, באַווייזט אויף גוטעס.

אַלע גרינסען אַז מען זעהט אין חלום, באַווייזט אויף גוטעס.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז הויך געוואַקסען, וועט מען לאַנג לעבען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען לויפט, באַווייזט דאָס אויף גוטעס.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז קראַנק, וועט מען זיך פרעהען.

אַז מען חלומ'ט אַז די ציינער זיינען גרעסער געוואָרען, וועט מען גלייך געהאָלפען ווערען.

אַז מען זעהט אַ שלעכטען אָגול, באַווייזט דאָס גרויס חכמה.

אַז מען זעהט אַ קעניג אין חלום, וועט מען גרויס ווערען.

אַלע סאָרטען קליידער אין חלום, באַווייזען אויף גוטעס.

אַ קראַנקער אַז ער חלומ'ט אַז ער טוהט אויס זיינע קליידער, וועט ער גלייך געזונט ווערען.

אויב מען זעהט אַז מען איז אַ חזן, וועט מען גרויס ווערען.

אַז מען חלומ'ט אַז מען איז אַ מלמד, וועלען אַלע איהם האַלטען גרויס.

אַז מען לייגט תפילין אין חלום, וועט מען גרויס ווערען.

אַז מען רייט אויף אַן אייזעל מיט לייצעס, וועט ער האָבען ברכה; אַז מען חלומ'ט אַז אַן אייזעל האָט איהם אַ בריקע געטאָהן, וועט ער האָבען אַ מתנה פון אַ גרויסען מענשען.

אַז מען זעהט אַ חזיר אין חלום, וועט מען רייך ווערען.

אַז מען זעהט אַ העלפאַנט אין חלום, איז זעהר גוט.

אַז מען חלומ'ט אַז מען רייט אויף אַ העלפאַנט, וועט מען גרויס ווערען.

# פתרון חלומות

אַז מען זעהט אין חלום אַ לייב, וועט מען לאַנג לעבען.

אַז מען רייט אויף אַ לייב, איז זעהר גוט.

אַז מען זעהט אַ שלאַנג אין חלום, וועט מען האָבען פּרנסה.

אַז מען חלומ׳ט אַז מען האָט איהם געגעבען אַ הירש, וועט ער גרוים ווערען.

אַז מען זעהט אַ פוקס אין חלום. וועט מען האָבען אַ גוט יאָהר.

## פּרק ט — חלומות מין ג

ג) דאָס זיינען חלומות וואָס האָבען אַ באַדייטונג צום גוטען און חו״ה צום שלעכטען, און אויב אַ רב אָדער אַ גוטער איד, וועלכער איז קלוג גענוג און ער פאַרשטעהט צו באַשיידען אַ חלום צו גוטען ווי עס שטעהט אין די ספרים הקדושים און ווי עס שטעהט אין דעם ספר פתרון חלומות להרב ר׳ אלי׳ מרדכי מזאה, וועלען די חלומות זיין צום גוטען, און מיר וועלען שרייבען די באַשיידונג וואָס דער רב אָדער דער גוטער איד זאָל באַשיידען די חלומות, קוקענדיג אין דיזען ספר און זאָל באַשיידען די שלעכטע באַדייטונג שרייבען מיר ניט נאָר צום גוטען ווי דאָ אין ספר שטעהט, וועט דאָס בלייבען צום גוטען. און תיכף ווי ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף נאכדעם ווי ער האָט געזאָגט מודה אני, זאָל ער גלייך זאָגען „חלמא טבא חזאי.“

אַז ער זעהט אין חלום אַז מען קוילעט זיין אָקס, באַווייזט דאָס דורך באַשיידונג אַז מען וועט פיל פאַרדינען און עס וועלען זיין גרויסע געשעפטען און מען וועט קיין צייט ניט האָבען צו עסען, פון די גרויסע ביזנעס — אַזוי זאָל מען דאָס באַשיידען, אַ רב אָדער אַ גוטער איד.

אַז מען זעהט אין חלום סאלאַד אויף אַ בעריל (אַ פעסעל), זאָל מען באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז די ביזנעס וועט בליהען ברייט און שעהן ; אַז מען זעהט אין חלום פלייש ליגט אויף

# פתרון חלומות

פעסער (בערילס), זאָל מען עס באַשיידען אַז מען וועט מאַכען שמחות און מען וועט טהיילען פלייש מיט וויין. די באַשיידונג זאָל זיין דורך אַ רב אָדער דורך אַ גוטען אידען וואָס ער זאָל זעהן אין דעם ספר.

אַז מען זעהט אין חלום אַ פעסעל היינגט אויף אַ בוים, זאָל מען באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז די ביזנעס וועט זיך פאַר־אַנדער וואַקסען אַזוי גרויס ווי אַ הויכע בוים.

אַז עס חלומ'ט זיך 2 מאָהל, וועט דאָס מקויים ווערען אין גיכען צום גוטען.

אַז מען חלומ'ט אַז די הויז איז פאַרברענט געוואָרען, וועט מען רייך ווערען.

אַז מען זעהט אין חלום אַז די בעריל (פעסעל) איז אַריינ־געפאַלען אין וואַסער, זאָל מען דאָס באַשיידען אַז די געשעפטען וועלען געהן אַזוי גוט אַז אַלע וועלען געלוסטען זיין ביזנעס.

אַז מען זעהט אין חלום אַן אייזעל אַ יונגער הירזשעט צו קאַפּען, זאָל מען באַשיידען, אַ רב אָדער אַ גוטער איד, אַז מען וועט גרויס ווערען און זיינע רייד וועלען פאַרשפּרייט ווערען דורך איבער־זעצער.

אַז מען זעהט אין חלום אַז די באַקען זיינען אַרויסגעפאַלען, זאָלען באַשיידען, אַ רב אָדער אַ גוטער איד, אַז 2 גרויסע שונאים וואָס טראַכטען וועגען איהם שלעכטס, קענען זיי איהם מעהר גאַרניט טאָהן.

אַז מען זעהט אין חלום אַז דער נאָז איז אַראָפּגעפאַלען, זאָלען זיי באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז דער כעס איז פון איהם אַוועק־געגאַנגען, ד"ה אַ ג' וועט אויף איהם ניט כעס'ען.

אַז מען חלומ'ט אַז די הענט זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען, זאָלען זיי באַשיידען אַז ער וועט האָבען פיל געלט אַז ער וועט שוין מעהר ניט דאַרפען אַרבעטען.

# פתרון חלומות

אַז מען חלומ'ט אַז די פיס זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען, זאָלען זיי באַשיידען אַז מען וועט רייך ווערען און מען וועט קויפען אַן אויטאָמאָביל אָדער גוטע פערד צום פאָהרען.

אַז מען זעהט אַ ברונעם אין חלום, זאָלען זיי גלייך באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אויף לעבען, אויף תורה, אויף שלום, און זאָלען הייסען זאָגען די פסוקים ויחפרו עבדי יצחק בנחל וימצאו באר מים חיים ואומר כי מוצאי מצא חיים, חלמא טבא חזאי.

אַז מען זעהט אַ טייך אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז עס וועט זיין שלום אין הויז און זיי זאָלען הייסען זאָגען הנני נוטה אליה כנהר שלום.

אַ מען זעהט אַ פייגעלע אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז ג' וועט שיצען פון אַלעם בייזעם און מען זאָל הייסען זאָגען דעם פסוק כצפרים עפות כן יגן ד' צבאות.

אַז מען זעהט אין חלום אַ טאָפּ, זאָלען זיי באַשיידען אַז ג' וועט געבען פיל שלום און הייסען זאָגען דעם פסוק ד' תשפות שלום לנו.

אַ מען זעהט ווייגטרויבען (גרעיפּס) אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז מען וועט רייך ווערען און מען וועט באַקומען שטאַרקע גוטע פריינד מיט ליבשאַפט און מען זאָל הייסען זאָגען דעם פסוק כענבים במדבר מצאתי את ישראל.

אַז מען זעהט אַ באַרג אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז עס וועט זיין זעהר שעהן אויף די בערג די טריט פון דעם אָנזאָגער פיל גוטעס און מען זאָל הייסען זאָגען דעם פסוק מה נאוו על ההרים רגלי מבשר.

אַז מען זעהט אַ שופר אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז מען וועט זוכה זיין צו הערען שופר של משיח און מען זאָל הייסען זאָגען דעם פסוק והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול.

# פתרון חלומות

אַז מען זעהט אַ הונט אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז קיינער וועט ניט קענען ריידען אויף זיי קיין שלעכטעס און מען זאָל הייסען זאָגען דעם פסוק ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו.

אַז מען זעהט אַ לייב אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז געטליכע רייד וועט ער זעהן און ער וועט דאָס איבערגעבען צו אַנדערע, אַזוי ווי אין פסוק שטעהט ארי׳ שאג מי לא יירא, ד׳ אלקים דבר מי לא ינבא, און דעם פסוק זאָל מען הייסען זאָגען און חלמא טבא חזאי דריי מאָהל, אויך חלמא טבא חזיית.

אַז מען זעהט אַ ברונעם אין חלום, באַווייזט דאָס אַז מען וועט לאַנג לעבען און מען זאָל הייסען זאָגען באר מים חיים.

אַז מען זעהט אַ טרוקענעם שטעקעל אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז מען וועט אַלע מאָהל שטאַרק זיין און מען זאָל הייסען זאָגען דעם פסוק קנה רצוץ לא ישבר.

אַז מען זעהט אַן אָקס אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז מען וועט זיין געזונט און שטאַרק און מען זאָל הייסען זאָגען בכור שורו הדר לו.

אַז מען זעהט אַ קאַץ אין חלום, זאָלען זיי באַשיידען און מען זאָל געהן צו אַ ליטווישען רב און ער זאָל זאָגען אַז דאָס רופט זיך שונרא מיט א ו, למ״ה ניט זאָגען שינרא מיט א י, און ער זאָל באַשיידען אַז דאָס באַווייזט אַז מען וועט האָבען אַ שעהנע געזאַנג, ווי דער וואָרט שונרא באַדייט, אַ שעהנע געזאַנג.

## פרק יא — *חלומות מין ד

די פאָלגענדע זיינען חלומות, וואָס איך שרייב ניט זייער באַשיידונג, ווייל דיזע חלומות דאַרף מען ניט דערצעהלען אַפילו צו זיך אַליין אויך ניט, און מען מוז זיי זעהן פאַרגעסען, נאָר אַז מען חלומ׳ט די חלומות חו״ח, זאָל מען אַריינגעהן צו אַ רב אָדער צו אַ רבי׳ן און זיי זאָלען מאַכען „הטבת חלום״ און גלייך ווי מען

# פתרון חלומות

כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, נאכדעם ווי מען האָט געזאָגט מודה אני זאָל מען גלייך זאָגען „חלמא טבא חזאי" דריי מאָהל און מען זאָל זאָגען די תחינה וואָס מיר וועלען שפּעטער אי"ה ברייגנען אין דעם זעלבען ספר.

אַז מען חלומ'ט חו"ח אַז מען געהט אַראָפּ פון אַ באַרג ;
אַז מען חלומ'ט חו"ח אַז דער באַרג טרייסעלט זיך ;
אַז מען חלומ'ט חו"ח אַז מען טראָגט ערד ;
אַז מען זעהט חו"ח די אושאַקעס צוברעכען זיך ;
אַז מען זעהט אַז אַ באַלקע איז אַראָפּגעפאַלען ;
אַז מען זעהט אַז אַ וואַסער לויפט צו פאַרפלייצען ;
אַז מען זעהט אַז מען וואַשט זיך אין אַ באָד ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען שווימט אין אַ בלאָטע ;
אַז מען חלומ'ט חו"ח אַז מען טרינקט זיך אין אַ בלאָטע ;
אַז מען זעהט חו"ח אַז מען איז אַריינגעפאַלען אין אַ טייך ;
אַז מען זעהט אַ שטיק גאָלד אין חלום ;
אַז מען זעה חו"ח אַ קופּערנע מטבע אליין ;
אַז מען זעהט אין חלום חו"ח אַ שאָפעל אָדער אַ האַק ;
אַז מען זעהט הייסע קוילען חו"ח אין חלום ;
אַז מען זעהט אין חלום קאַלטע אויסגעלאָשענע קוילען ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט גרינס פון גאָרטען גלייך ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען פאַרקויפט גרינס ;
אַז מען חלומ'ט אַ לקוי-חמה אָדער אַ לקוי-לבנה ;
אַז מען חלומ'ט אַז חו"ח אַ צאָהן איז אַרויסגעפאַלען, איז אויב עס טוהט וועה די ציינער איז דאָס גאָרניט.
אַז מען זעהט אַז מען עסט ציבעלע אָדער קנאָבעל ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט ריבען ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט גרינס מיט עסיג ;
אַז מען זעהט חו"ח בוריקעס אין חלום ;
אַז מען זעהט אַיינגעזייערטע עפּעל, אין חלום ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען האָט אָפּגעריסען אַ פרוכט בוים ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען שניידט בוימער ;

# פתרון חלומות

אז מען זעהט בוימער רייסען זיך אוים ;
אז מען חלומ'ט אז מען עסט ראָזינקעס ;
אז מען חלומ'ט אז מען איז אַריין אין אַ ביר-הויז ;
אַז מען חלומ'ט אַז אָקסען שלאָפען ;
אַז מען רייט אויף אַן אָקס און מען איז חו"ח אַראָפּגעפאַלען פון איהם ;
אַז דער אָקס רייט אויף איהם חו"ח אין חלום ;
אַז דער אָקס האָט איהם געביסען חו"ח אין חלום ;
אַז מען זעהט אַ רייט-פערד אין חלום, אַ געיאָגטער ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען האָט ביי איהם גע'גנב'עט אַ פערד ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען פאַלט אַראָפּ פון אַ פערד ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען אַקערט מיט אַן אייזעל ;
אַז מען זעהט אַ בער אין חלום ;
אַז מען חלומ'ט אַז חיות שרייען ;
אַז מען חלומ'ט אַז אַ פייגעל איז אנטלאָפען פון זיין האנט ;
אַז מען זעהט אַ ראָב (אַ קראָהע) אויף זיין קאָפּ ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען עסט געבראָטענס ;
אַז מען חלומ'ט אַז מען פאַסט און עס איז נעילה דוקא ;
אַז מען חלומ'ט אַז דער שטערען איז צובראָכען ;
אַז מען חלומ'ט אַז עס טוהט וועה אַן אויג.

## פרק יב

יעצט ווייסען מיר די באַשיידונג פון פילע חלומות, דאַרף דער מענש ווייסען אַז ער חלומ'ט אַ חלום, איז אויב ער איז פון די חלומות פון מין א', זאָל ער דאָס קיינעם ניט אויסזאָגען, נאָר פאַר זיך זאָל ער איבער זאָגען דעם חלום עטליכע מאָהל און ער זאָל איהם האַלטען אין די געדאַנקען, וועט ער געווים מקויים ווערען און אויב דער חלום האָט זיך גע'חלומ'ט 2 מאָהל, וועט ער זיכער מקויים ווערען ; און אויב ער איז פון די חלומות וואָס איז באַצייכענט מיט אַ ב', זאָל ער תיכף ווי ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף נאכדעם ווי ער האָט געזאָגט מודה אני לפניך מלך

חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך, זאָל ער גלייך זאָגען חלמא טבא הזאי 3 מאָהל, נאכהער ווען ער וועט אָפגיסען נעגעל־וואַסער, זאָל ער נעהמען דעם ספר פתרון חלומות, און אויב ער געפינט זיין חלום אין סימן ב׳, זאָל ער דורכלייענען דעם חלום מיט זיין באַשיידונג און בעטען ביי ג׳ אַז עס זאָל מקויים ווערען ווי דער באַשיידונג איז, און אויב דער חלום איז פון מין ג׳, זאָל ער צוגעהן צו אַ רב מיט׳ן ספר׳ל און דער רב זאָל איהם באַשיידען ווי אין ספר שטעהט, און פריהער זאָל ער זאָגען חלמא טבא חזאי, און אויב דער חלום איז חו״ח פון דעם מין ד׳, זאָל ער גלייך ווי ער שטעהט אויף פון שלאָף, נאָך מודה אני זאָל ער גלייך זאָגען חלמא טבא חזאי און זאָל אריינגעהן צו אַ רב אָדער צו אַ רבי׳ן און למה״ש ניט דערצעהלען דעם חלום צו קיינעם און למה״ש ניט פאַסטען, נאָר בעטען דעם רב אָדער רבי׳ן אַז זיי זאָלען מטיב חלום זיין און מען זאָל געבען צדקה און געהן גלייך עסען און אויף דעם חלום למה״ש פאַרגעסען, און מען דאַרף תשובה טאָהן און מען זאָל זאָגען די תחינה וואָס מיר וועלען דאָ ברייגנען בעזהש״י.

## אַ תחינה אַז די חלומות זאָלען מקויים ווערען צום גוטען, צו זאָגען אין פריהמאָרגען

פון הרב הגאון ר׳ אלי׳ מרדכי מזאה

רבונו של עולם, דער האַר פון אַלע וועלטען, דו האָסט זיי באַשאַפען און דו פיהרסט זיי און דו גיבסט צו יעדער באַשעפעניש זיינע באַדערפעניש אַין דו שפייזט אַלע וועלטען און זעהסט יעדענס מעשים און דו ביזט דער האַר פון אַלעמענס מחשבה און דו ווייסט אַלעמענס געדאַנקען — איך האָב גע׳חלום׳ט חלומות דיזע נאַכט און איך ווייס ניט זייער באַשיידונג. די גאַנצע וועלט מיט אַלע וועלטען זיינען דיינע און איך בין דיינער און מיינע מחשבות מיט מיינע חלומות זיינען דיינע, בעט איך ביי דיר, טייערער און ליבער, גוטער, הייליגער פאָטער, אַז אויב זיי

# פּתרון חלומות

זיינען גוט פאַר מיר און זיי צייגען אויף גוטעס, זאָלען זיי מקויים ווערען אַזוי ווי די חלומות פון יוסף הצדיק, און אויב זיי זיינען חלומות וועלכע דאַרפען אַ רפואה מען זאָל זיי היילען, האָסטו דאָך באַשאַפען אַזעלכע חלומות מען זאָל פאַר דיר מורא האָבען און מען זאָל תשובה טאָהן מיט'ן גאַנצען האַרצען, זאָג איך דיר, באַשעפער פון אַלע וועלטען, אַז דיין גרויסקייט איז שטענדיג פאַר מיר און איך האָב דיין מורא אימער אין די געדאַנקען, און פיליכט בין איך זינדיג, טוה איך יעצט תשובה מיט'ן גאַנצען האַרצען אויף אַלע מיינע עבירות און איך האָב חרטה אויף אַלע מיינע זינד און איך בעט דיר דו זאָלסט מיר מעהר ניט שרעקען און זאָלסט היילען אַלע מיינע חלומות וואָס איך האָב גע'חלומ'ט ביז היינט. דו זאָלסט היילען די חלומות וואָס איך האָב גע'חלומ'ט וועגען זיך און אויך די חלומות וואָס איך האָב גע'חלומ'ט וועגען אַנדערע, אויך די חלומות וואָס אַנדערע האָבען גע'חלומ'ט וועגען זיך און וועגען יענעם, זאָלסטו זיי היילען אַזוי ווי דו האָסט געהיילט חזקי' מלך יהודא פון זיין קראַנקהייט און אַזוי ווי דו האָסט געהיילט מרים הנביאה פון איהרע קרעץ און אַזוי ווי דו האָסט געהיילט נעמן דעם האַר פון ארם דורך דעם געטליכען נביא אלישע און אַזוי ווי דו האָסט געהיילט די ביטערע וואַסער פון מרה און דו האָסט זיי געמאַכט זיס, וואָס דו האָסט געהייסען משה רבנו אַריינוואַרפען אַ ביטערע האָלץ און עס איז געהיילט געוואָרען די וואַסער און זיי זיינען געוואָרען זיס און אַזוי ווי דו האָסט געהיילט די וואַסער פון יריחו וואָס זיי זיינען געווען זעהר געזאַלצען, האָסטו זיי געהיילט דורך אלישע הנביא און אַזוי ווי דו האָסט איבערגעקערט די קללה פון בלעם הרשע, האָסטו איבער-געקערט אין זיין מויל פון אַ קללה צו אַ ברכה, אַזוי זאָלסטו איבערקערען אַלע מיינע חלומות אויף מיר און אויף אַלע אידען צום גוטען. די גוטע חלומות זאָלסטו זעהן אַז זיי זאָלען גלייך מקויים ווערען, און די חלומות וועלכע דאַרפען אַ רפואה, זאָלסטו צושיקען אַ רפואה שלמה. איך טוה תשובה מיט'ן גאַנצען האַרצען און דו זאָלסט מיר היטען און דו זאָלסט מיר לייט-זעליגען און זאָלסט מיר באַווייליגען.

# פתרון חלומות

שטאַרקער ג׳ אין אַלע הימלען און רוהסט אויך אויף דער ערד מיט שטאַרקייט, דו ביזט שלום און דיין נאָמען איז שלום. עס זאָל זיין דער ווילען פון דיר אונזער ג׳ און דער ג׳ פון אונזערע עלטערען, אַז דו זאָלסט אונז געבען לאַנג לעבען און מזל ברכה, עס זאָל זיך ביי אונז אַיינהיטען דער שלום, עס זאָל זיין ביי אונז פון אַלע זייטען שלום, דו זאָלסט בענשען אַלע אידען מיט שלום און מיר זאָלען זוכה זיין צו לאַנגע יאָהר און צו זעהן אונזערע קינדער מיט אייניקלאך, מיט אור־אייניקלאך און אור־אור־אייניקלאך זיינען זיך עוסק אין תורה און אין מצוות מתוך הרחבה, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, אָמן.